STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03452

IN KAMF FAR IDISHER DERTSIUNG

Hayim Lieberman

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אין קאמף פאר אידישער דערציאונג

וועגן די אידיש־וועלטלעכע
שולן און זייער אידישקייט

פון
חיים ליבערמאַן

ניו יאָרק, התש"א
הויפּט פאַרקויף אין פאַרלאַג „פּרדס".
PARDES PUBLISHING HOUSE, Inc.
28 Canal Street, New York, N. Y.

Copyright, 1941, Washington, D. C.
by
HERMAN LIEBERMAN

פרייז 50 סענט.

א י נ ה א ל ט :

א פארלארענער דור

די אלטע תורה און די נייע

אידישע געשיכטע אין דער וועלטלאכער שול

תנ"ך אין די וועלטלאכע שולן

„חומש פאר קינדער לויט יהואש"

אידישע ליטעראטור ווי א לימוד אין די שולן

א פערזענלאך ווארט (און א מעשה מיט א "שווארצן גלח")

אַ פאַרלאָרענער דור

אונזער צייט איז אַ צייט פון גרויסע חשבונות. עס ווערן איבער־געשאַצט באַוועגונגען, פּאַרטייען, אידעאָלאָגיעס. אַזוי ביי אַנדערע פעלקער און אַזוי אויך ביי אונז. און צווישן אַנדערע זאַכן ווערט ביי אונז שטאַרק דיסקוטירט די אידיש־וועלטלאכע שול און די רעזולטאַטן פון דער דערציאונג וואָס זי האָט געגעבן און גיט טויזנ־טער אידישע קינדער.

צו דערדאָזיקער דיסקוסיע וויל איך דאָ צולייגן אַ וואָרט. דער־ביי האָב איך ניט בדעה צו אַנאַליזירן יעדן טיפּ שול באַזונדער. די שולן אונטערשיידן זיך איינע פון דער אַנדערער אין געוויסע פונדאַ־מענטאַלע זאַכן. די פאָלקשולן פון דעם אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער־פאַרבאַנד און פּועלי־ציון שטעלן דעם טראָפּ אויף נאַציאָנאַליזם און ארץ־ישראל, די אַרבעטער־רינג שולן — אויף סאָציאַליזם, און די שלום־עליכם שולן שטייען ערגעץ צווישן די צוויי.

אָבער זיי אַלע זיינען פונדעסטוועגן געבונדן איינע מיט דער אַנ־דערער, און אויך אין פונדאַמענטאַלע אייגנשאַפטן.

און וועגן אייניקע אַזעלכע אייגנשאַפטן און טענדענצן וואָס די אַלע שולן האָבן בשותפות וועט דאָ אין עיקר גערעדט ווערן. אין תוך איז עס אַ באַטראַכטונג פון דעם אידישיזם ווי ער האָט גע־שטרעבט זיך צו פאַרווירקלאכן דורך די וועלטלאכע שולן.

עס איז שוין אַ היבש ביסל מער ווי אַ דור זינט עס איז גע־גרינדעט געוואָרן די ערשטע „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שול”, וואָס איז געווען די מאַמע פון אַלע אידישיסטישע שולן. אַ גרויסע ליטעראַ־טור און אַ וועלט מיט פּראַקטיק האָבן זיך שוין אַנגעקליבן. וואָס

לערנען זיי אונז וועגן דער פעולה פון דער אידישיסטישער אַדער אידיש־וועלטלאַכער שול?

ווען מען גייט איבער די גאַנצע גרויסע טעאָרעטישע ליטעראַטור פון דערדאָזיקער שול זעט מען גיך אַיין אַז איר פילאָזאָפיע איז זייער אַ פשוט'ע און איר ציל זייער אַ באַשיידענער. די אַלטע אידישע דערציאונג פון חדר און דער ישיבה האָט געשטעלט אלץ אויף תורה, די נייע אידישע דערציאונג שטעלט אויף פאָלקסטום. די אַלטע דערציאונג האָט געצילט צו פאַרוואָרצלטקייט אין פונדאַמענטאַלער לומדות, די נייע — צו סענטימענטאַלער צוגעבונדנקייט צום פאָלק.

אָבער און ווידער באַגעגנט איר אין דער ליטעראַטור פון דער אידיש־וועלטלאַכער דערציאונג אַזעלכע אויסדריקן, ווי: „ראַטעווען דאָס אידישע קינד פאַרן אידישן פאָלק", „עס זאָל ניט פאַרפרעמדט ווערן פון די אידישע מאַסן", „עס זאָל פאַרשטיין זיינע עלטערן", „עס זאָל זיין באַקאַנט מיט אידישער געשיכטע", „עס זאָל זיך באַקענען מיט אונזערע מאַרטירער־העלדן וואָס זיינען געגאַנגען אויף קידוש־השם", און ענלאַכע אויסדריקן.

ווען איר לייגט־צו גוט אייער אויער צו דידאָזיקע ווערטער און זייער געדאַנק דערפילט איר אין זיי גרינג אַ האַלב־דעפּיטיסטישע שטימונג. „ראַטעווען", „ניט פאַרפרעמדט ווערן" — אַז מ'דאַרף ראַטעווען איז אַ סימן אַז ס'איז דאָ אַ סכנה; אַז מ'דאַרף היטן דאָס קינד פון פאַרפרעמדט ווערן איז אַ סימן אַז דאָס קינד גליטשט זיך אַוועק. אין אַנדערע ווערטער, דאָ ווערט לכתחילה אָנגענומען ווי אַ זעלבסטפאַרשטענדלאַכע זאַך אַז דאָס קינד איז ניט אינגאַנצן אונזערס. אַ העלפט פון דעם געהער דער וועלט.

אָבער אין אמת'ן איז דאָ ניט ריכטיק צו ריידן פון „דעפּיטיזם", ווייל אין תוך וויל דאָך די אידישיסטישע שול דאָס קינד זאָל זיין וועלטלאַך. דערפאַר הייסט זי דאָך אידיש־וועלטלאַכע שול. און „וועלטלאַכקייט" האָט דאָ שטענדיק געמיינט אין עיקר דריי זאַכן: אידישע שפראַך, אַנטי־רעליגיע (אין בעסטן פאַל קיין רעליגיע) און סאָציאַליזם. די אַלע דריי זאַכן זיינען אָפט אַריינגענומען געוואָרן אונטער איין באַגריף: ראַדיקאַליזם.

האָבן דאָך די ערשטע שולן זיך גערופן „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע״.

קורץ, די אידישיסטישע שול הויבט גלייך אָן מיט אַ חלוקה לחצאין: אַ העלפט קינד דיר, וועלט, און אַ העלפט אונז, דעם אי־דישן פאָלק.

דער אַלטער חדר און די ישיבה האָבן ניט געוואוסט פון אַזאַ צעטיילונג. זיי האָבן געוואָלט און געהאַט דאָס קינד אינגאַנצן. און זיי זיינען ניט איינגעגאַנגען אויף קיין פשרות: אין דער אַלטער וועלט האָבן זיי געקעמפט קעגן די נייע ווינטן וואָס האָבן געוואָלט אַרויסרייסן דאָס קינד פון זייערע הענט. זיי האָבן זיך קעגנגשטעלט דער וועלט. אין אַמעריקע האָט די תלמוד־תורה יע נאָכגעגעבן, אָבער ווען די פרומע אידן האָבן דערזען די רעזולטאַטן האָבן זיי זיך אַ נעם געטאָן בויען ישיבות, אידישע „פּאַראָקיעל״ שולן, וואו, ביי ריזיקע קאָסטן, ווערן געלערנט אי די אידישע אי די וועלט־לאַכע לימודים. אויב שוין יאָ די וועלט — איז אונטערן אידישן דאַך.

אָבער אַז דער אידישיסטישער עולם זאָל איינגיין אויף אַרויס־ציען זיינע קינדער פון די ניט־אידישע שולן — דאָס איז, דוכט זיך, ניט דענקבאַר. יעדנפאַלס דערוויל ניט. צו טייער איז זיי די וועלט. אָדער אפשר איז דאָס די סיבה: פאַר דעם סאָרט אידישקייט וואָס זיי שטרעבן צו דערגרייכן פאַר זייערע קינדער איז די איצטיקע אידישע שול גענוג און עס לוינט זיך ניט איינצולייגן וועלטן...

נאָר ניט דאָס בין איך דאָ אויסן. לאָמיר גיין צוריק צום צע־טיילטן אידישן קינד. ווי אַזוי שטרעבט די אידישע שול צוצובינדן אונזער העלפט קינד צו אונז? דורך די פאָלקסטימלאַכע קולטור־גיטער: די אידישע שפּראַך, די אידישע ליטעראַטור, אידישע גע־שיכטע, אידישע פרעסע און אידיש טעאַטער. נאָך אַזאַ דערציאונג, ווען אַלץ גייט כשורה, קען מען, הייסט עס, האָפן אַז ווען דאָס קינד וועט אויפוואַקסן וועט עס אַריינגיין אין אידישע (ראַדיקאַלע) באַ־וועגונגען, וועט אָנטייל נעמען אין אידישן מאַסן־לעבן און „שפּינען וויטער די גאָלדענע פאָדים פון דער אידישער געשיכטע״ — אויף אַ באַקאַנטער אויסדרוק אין דער אידישיסטישער שולן־ליטעראַטור.

איר וועט באַמערקן אַז דידאַזיקע גאַנצע סכעמע נעמט אַריין גאָרניט וואָס זאָל שפּעטער געבן דעם קינד אַ מעגלאַכקייט צוצו־

קומען צו העכערער אידישער געלערנטקייט. פרעגט דער אידישיס־טישער שול: פונוואַנען וועלן שפּעטער קומען אידישע געלערנטע? און זי וועט ניט האָבן קיין ענטפער. וועגן דעם זאָרגט זי ניט, און דוכט זיך אַז דאָס אַרט איר ניט אויך. דערין זעט זיך אויך אַרויס די דעפּיטיסטישע פּשרה פון דער אידישיסטישער שול. אָבער די אַמעריקאַנישע פּאַראָקיעל־ישיבה איז אין דעם פּרט אויך גאַנצער. פון די ישיבות זיינען שטענדיק אַרויס די אידישע חכמים און קענען דאָ אין אַמעריקע אויך אַרויס.

נאָר אויך דאָס בין איך דאָ ניט אויסן. לאָמיר נעמען די אידי־שיסטישע שול ווי זי איז און לאָמיר אָננעמען אויף אַ ווייל אַז אַלץ גייט דאָ כשורה און איר געשטעלטער ציל ווערט אינגאַנצן דער־גרייכט: ווען די קינדער גייען אַרויס פון די שולן ריידן זיי אידיש (וואָס איז ניט אַזוי), זיי שלינגען אידישע ביכער (וואָס איז ניט אַזוי), זיי לייענען די אידישע פּרעסע (וואָס איז ניט אַזוי), זיי גייען אין אי־דישן טעאַטער (וואָס איז ניט אַזוי), ווען זיי ווערן שרייבער ווערן זיי, ניט קיין ענגלישע שרייבער, נאָר אידישע (וואָס איז ניט אַזוי), זיי פילן אָן אידישע מיטינגען (וואָס איז ניט אַזוי), זיי רייסן זיך צו אידישער טעטיקייט און פירערשאַפט (וואָס איז ניט אַזוי). אַלץ איז גוט און שיין און פיין (וואָס איז פונקט פאַרקערט).

און דאָך בלייבט אַ גרויסער בלויז אין דערדאָזיקער דערציאונג, ניין, ניט קיין גרויסער בלויז, נאָר אַ גרויסע וואונד.

דאָס קינד פון דער אידיש־וועלטלאַכער שול, ווי געזאָגט, ווערט צעטיילט אויף צוויי העלפטן. איז ווען עס וואָלט פאַרגעגאַנגען אַזוי, אַז איין העלפט זאָל אַוועק אין דער וועלט אַריין און איינע בלייבן ביי אונז, וואָלט נאָך געווען אַ האַלבע צרה. עס קומט אָבער אַזוי ניט פאָר. די צוויי העלפטן בלייבן געבונדן אין איין הויט. די אידי־שע העלפט איז אַ קליינינקע און דאַרינקע, די וועלטלאכע — אַ גרויסע און פעטע. און די וועלטלאַכע העלפט שלעפּט אַוועק מיט זיך די אידישע אין דער גרויסער, ברייטער וועלט אַריין. דאָ קומט זיי אויס ביידן צו לעבן ווי איינס, ווי איין איד, און דאָס דינינקע און דאַ־רינקע אידעלע דאַרף אויפהאַלטן דעם גראָבן און גרויסן „וועלטלאַכן".

גלייך ביים אַריינגיין אין דער גרויסער, ברייטער וועלט אַריין ווייזט זיך אַרויס אַז דער סאַמע יסוד פון דער אידיש־וועלטלאַכער שול איז אַ פאַלשער. ווען וואָלט אַלץ גוט געווען — ווען אין דער וועלט וואָלטן געלעבט וועלט־מענשן. ס'איז אָבער ניט אַזוי. דאָרט לעבן דייטשן, איטאַליענער, רוסן, פראַנצויזן, אַמעריקאַנער א. אַ. וו. יעדער פון זיי האָט אַן אייגענעם לעבנסשטייגער. בלויז דער וועלט־לאַכער איד האָט ניט קיין לעבנסשטייגער — זיין שול האָט עס אים ניט געגעבן. דערצו איז די וועלט צופעליק אַ קריסטלאַכע וועלט, דאָס הייסט אַ וועלט וואָס שטייט אין אַקטיווער אָפּאָזיציע צום אי־דישן פאָלק דווקא ווי אַ רעליגיעזע איינהייט. אַפילו דער ניט־רעלי־גיעזער איד מוז באַגעגענען די דאָזיקע אָפּאָזיציע. אָבער דער איד פון דער אידישיסטישער שול האָט ניט מיט וואָס זי צו באַגעגענען. די שול האָט אים ניט געגעבן די אידישע רעליגיע, ניט ווי אַ גלויבן פאַר אים, ניט ווי אַ סומע פון אידישן וויסן.

די אידישע „וועלטלאַכע" זיינען דאָך אויך פון דעם עמא פזיזא, און זיי האָבן זיך פשוט צו שטאַרק געאיילט: עס איז דאָ דער אידעאַל פון אַן אויסגלייכונג פון אַלע פעלקער; זיי אַליין האָבן נאָך דעם ספּעציעלן אידעאַל פון גאָטלאָזע פעלקער. האָבן זיי ניט געוואַרט ביז אַלע פעלקער וועלן זיך אויסגלייכן און ווערן גאָטלאָז. קודם־כל האָבן זיי זיך אויסגעגלייכט. אויסגעגלייכט מיט וועמען? מיט קיינעם ניט. מיט זיך אַליין. און אין דער מאַטעמאַטיק איז אַ כלל אַז ווען אַ זאַך גלייכט זיך אויס מיט זיך אַליין איז דער רעזולטאַט נול.

דער וועלטלאַכער איד איז אין תוך ניט קיין „איד" און ניט וועלטלאַך. ער לעבט גייסטיק אין עפּעס אַ „קיינעמ'ס לאַנד".

אָבער ווען די אַרומיקע קריסטלאַכע סביבה דריקט אים צו צו דער וואַנט ווי אַן אמת'ן אידן — זי קען ניט קיין אַנדערע — דע־מאָלט הויבט זיך אָן די טראַגעדיע.

לאָמיר עס פאָרמולירן אַנדערש. די אידישיסטישע שול, אָנ־גענומען אַז אַלץ אין איר גייט כשורה, קען אין בעסטן פאַל צוגרייטן דאָס קינד פון אונזערטוועגן, לגבי פנים. אָבער ווי אַזוי גרייט זי אים צו צו באַגעגענען דאָס לעבן ווי אַ איד לגבי חוץ?

און דאָס איז דאָך אַן אַקסיאָמע, אַז אַ שול דאַרף צוגרייטן דאָס קינד פאַרן לעבן, פאַר דער וועלט. אויב ניט, האָט זי ניט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג.

און אין דער וועלט גייט שטענדיק אַן אַ ביטערע מלחמה קעגן אידישן פאָלק. איך האָב דאָ איצט ניט אינזינען די עקאָנאָמישע, פאָליטישע, סאָציאַלע און ראַסן־מלחמה, נאָר די גייסטיקע מלחמה וואָס ווערט אָן אויפהער געפירט קעגן דעם גאַנצן מהות פון אידנטום. די דאָזיקע מלחמה האָט זיך קיינמאָל ניט אָפּגעשטעלט אויף קיין איין מינוט, נאָר היינט ווערט זי געפירט מיט אַ באַזונדערער ביטערקייט אויף אַלע פראָנטן מיטאַמאָל, רעכטס און לינקס. מיט וואָס ווערט דאָס קינד אין דער אידישיסטישער שול צוגעגרייט צו פאַרטיידיקן דאָס אידישע פאָלק, און זיך, אין דער דאָזיקער מלחמה?

לאָמיר געבן אַ משל. איך בין איינמאָל געזעסן אין אַ קאַפּי. גייט אַריין אַ מאַן, אַ קריסט, און הויבט אָן פאַנאַנדערטיילן פלוגבלעטלאַך — אַ געוויינלאַכע זאַך אין ניו יאָרקער קאַפּייען. מיר איז אויך אָנגעקומען אַזאַ בלעטל. איך גיב אַ קוק — ס׳איז פון דעם „קריסטשיען פראָנט״. עס האָט צו טאָן, פאַרשטייט זיך, מיט אידן און אידישקייט. און ס׳איז גאָר אַ „לומדיש״ בלעטל: עס פאַרנעמט זיך מיטן תלמוד, מיטן חשן משפט און מיטן שלחן ערוך. עס איז פול מיט אידישע דינים. און עס גיט אָן גענוי דעם דף און דעם פרק און דעם סעיף. און עס ווערט ציטירט:

אַ איד מעג שווערן פאַלש — מסכת די און די, דף דער און דער.

אַ איד מעג פאַרגוואַלטיקן אַ ניט־אידישע פרוי אויב ער איז נאָר זיכער אַז מ׳וועט אים ניט כאַפּן — שלחן ערוך, סעיף דער און דער.

און אַזוי ווייטער, צוויי אָנגעפּיקעוועטע זייטלאַך. און עס ענדיקט זיך נאָך אַזוי:

און מיר פאָדערן־אויף די רבנים פון אידישן פאָלק זיי זאָלן עס אָפּלייקענען!

איך דאַרף קיינעם ניט דערציילן, אַז אַזעלכע בלעטלאַך פאַרפלייצן די אַמעריקאַנער גאַס. און ניט נאָר בלעטלאַך, נאָר אויך

זשורנאַלן און ביכער. ניט אַלע זיינען געמאַכט אַזוי גראָב, אָבער די איידעלער־געמאַכטע זיינען נאָך געפערלאַכער. טאַקע מיט זייער „איידלקייט“.

נון, דער „קריסטשיען פראַנט“ פאָדערט־אויף די רבנים זיי זאָלן עס אָפּלייקענען, און איך פאָדער־אויף די תלמידים פון דער אידיש־וועלטלאַכער שול זיי זאָלן עס אָפּלייקענען!

מיר האָבן אַ רעכט דאָס צו פאַרלאַנגען. מיר אַליין זיינען שוין אַלט און שוואַך. אַ סך פון אונז קענען גאָר קיין ענגליש ניט און קענען זיך ניט צוזאַמענריידן מיט׳ן „קריסטשיען פראַנט“. אַ סך פון אונז, גרינדער פון די אידישיסטישע שולן, זיינען שוין געשטאָרבן און האָבן איבערגעלאָזט דאָס אידישע פאָלק און זיין כבוד אין די הענט פון דעם יונגען דור וואָס מיר האָבן אויפגעצויגן. און דער „יונגער דור“ איז שוין אויך מער ניט אַזוי יונג: ער האָט שוין אַליין דער־וואַקסענע קינדער און אפשר אייניקלאַך. זאָלן זיי, אדרבא, קומען און באַוויזן וואָס עס שטייט דאָרט באמת אויף יענעם דף אין דער גמרא אָדער אין יענעם סעיף אין שלחן ערוך! דאָס לעבן אַליין רופט זיי אויף צו דער תורה!

אָבער ווי אַזוי זאָלן זיי עס טאָן אַז זיי קענען נעבאַך ניט? ניט נאָר האָבן זיי אין דער אידיש־וועלטלאַכער שול ניט געלערנט קיין גמרא — זיי האָבן דאָרט אָפילו קיין גמרא ניט אָנגעקוקט אין די אויגן. זיי ווייסן אָפילו ניט ווי אַזוי זי זעט אויס. און פון דעם שלחן ערוך האָבן זיי מסתמא דאָרט אָפילו ניט געהערט אַז עס איז דאָ אַזאַ זאַך. און אויב זיי האָבן יאָ געהערט — וואָס אַ שטייגער האָבן זיי געקענט הערן פון דעם „וועלטלאַכן“ לערער? אַז ס׳איז אַן אַלט, אָפּגעלעבט ספר וואָס אַ „פּראָגרעסיווער“ מענש דאַרף דערמיט ניט האָבן צו טאָן. קען עס זיין — וועט אפשר טראַכטן דער „נייער דור“ — אַז דערפאַר האָט די „פּראָגרעסיווע אידישקייט“ זיך אָפּגעוואָרפן פון יענעם ספר ווייל עס שטייען טאַקע דאָרט יענע שרעקלאַכע זאַכן וואָס דער „קריסטשיען פראַנט“ ציטירט אַזוי „געטרוי“?

מיט וואָס, אדרבא, זאָל אַ תלמיד אָדער אַ געענדיקטער פון אַ אידיש־וועלטלאַכער שול זיך פאַרטיידיקן קעגן דעם „קריסטשיען פראַנט“? אמת, ער לייענט די אידישע ליטעראַטור, מענדעלי, פּרץ,

שלום־עליכם, לייוויק, אָפּאַטאָשו. אָבער ניט קעגן דער אידישער ליטעראַטור קעמפט דער „קריסטשיען פראָנט״. פרעגט אים בחרם, דעם אַנטיסעמיט, מענדעלי, פרץ... ער האָט אָפּילו ניט געהערט דער־פון. ער ווייס אָפּילו ניט אַז ס׳איז דאָ אַ אידישע ליטעראַטור. ער קעמפט קעגן דעם היסטאָרישן אידישן פאָלק, קעגן דעם היסטאָרישן אידישן גייסט: אים וויל ער אין שטויב לייגן!

איך האָבן אויבן געזאָגט אַז איך רייד דאָ פון דער גייסטיקער מלחמה קעגן אונז, ניט דער פּאָליטיש־עקאָנאָמיש־סאָציאַלער. אָבער מ׳דאַרף ניט זיין קיין היסטאָרישער מאַטעריאַליסט כדי צו זען די שייכות צווישן זיי. דער קריסטשיען פראָנטניק, ווען ער אַרבעט צו דיסקרעדיטירן דעם אידישן מענשן, אריינגערעכנט יעדן איינעם פון דעם נייעס דור פון דער אידישיסטישער שול, כאָטש ער איז ריין פון „אידישקייט״, צילט ער אים צו שלאָגן עקאָנאָמיש, פּאָליטיש און סאָציאַל אויך, אַרויסטרייבן אים פון זיין שטעלע אין פאַבריק, אין אָפיס און געשעפט. עס איז איין קייט.

עס איז אַלזאָ ניט סתם אַ פראַגע פון דיסקוסיע אין ביכער און ביכלאַך, עס איז ניט גלאַט אַן אידייאישער ענין. ס׳איז אַ שרעקלאַך פּראַקטישער ענין.

דער „קריסטשיען פראָנט״ שעפּט זיין תורה פון דער אַלטער אַנטיסעמיטישער ליטעראַטור וואָס ציט זיך שוין הונדערטער יאָרן און וואָס אידישע חכמים האָבן שוין הונדערטער מאָל אָפּגעשלאָגן, נאָר זי הערט ניט אויף, און אין אונזער צייט איז זי אזוי פאַרמערט געוואָרן דורכן נאַציזם און פאַשיזם. אָבער וואָס אונזערע חכמים האָבן געהאָט צו זאָגן ווייס דאָך ניט דער תלמיד פון דער אידישיסטישער שול.

און מען דאַרף ניט מיינען אַז די מלחמה אויפ׳ן אידישן גייסט ווערט היינט געפירט נאָר פון דעם פינסטערן רעכטס. מיט ניט וויי־ניקער ביטערקייט, און ניט מיט קיין מער זויבערע הענט, ווערט זי היינט געפירט אויך פון דעם „ליכטיקן״ לינקס, פון דעם קאָמוניזם, ספּעציעל פון די „גאָטלאָזע״ אין סאָוועט־רוסלאַנד, וואָס דאַרף שוין מיט זיך פאַרשטעלן די „וועלט פון מאָרגן״. און ווייל ס׳איז די

וועלט פון מארגן איז דער קאמף פון דעם צד נאך געפערלאכער ווי דער קאמף פון דעם אנטיסעמיטישן צד, כאטש די מאטיוון זיינען דא אנדערע, אדער ווייל זיי זיינען דא אנדערע.

מען וואלט דא אפשר קיין טענות ניט געקענט האבן ווען ביי די קאמוניסטישע גאטלאזע וואלט זיך געהאנדלט סתם אין אטעאיזם. סוף כל סוף איז אטעאיזם אויך רעליגיע — אויף דער לינקער זייט. די כפירה האט אפילו איר פונקציע — זי העלפט צו קריסטאליזירן די אמונה. אבער דארט, אין סאוועט־רוסלאנד, איז דער קאמף אפט ניט א ריין פילאזאפישער, נאר א בפירוש אנטי־אידישער.

אט ליגט פאר מיר א רוסיש בוך: „אטשערק איסטאריאי דרעוו־ניעיעוורעיסקאי רעליגיאי", פון א. ראנאוויטש, מיט א גרויסן אריינ־פיר פון נ. ניקאלסקי. ווען עס שטייט ניט דערויף: גאסיזדאט, מאסקווא, 1937, וואלט איך געקענט מיינען אז דאס קומט פון „פעל־קישן בעאבאכטער", בערלין, 1941. מאמעלאך מיינע, וואס דארט צעטוט זיך! וואס פארא זלזולים, וואס פארא שימפערייען אויפן תלמוד, אויפ'ן תנ"ך און אויף דער גאנצער אידישקייט!

ווי משוגע'נע הינט צעפליקן זיי אונזערע הייליקע ספרים אין פיצלאך.

איך האב אויבן געזאגט: אויפ'ן תלמוד און אויפ'ן תנ"ך. דערמיט גייען די מאסקווער „תלמידי חכמים" א סך ווייטער ווי די קריסטן־אנטיסעמיטן גייען. די אטאקירן מיט זלזולים און בלבולים נאר דעם תלמוד. דעם תנ"ך טשעפען זיי ניט. דער תנ"ך איז ביי די קריסטן אויך הייליק. אבער די חכמי־מאסקווע שאנעווען דעם תנ"ך פונקט אזוי ווייניק ווי דעם תלמוד. אפילו די נביאים „פארניכטן" זיי, די נביאים וואס אפילו די נאציס אין דייטשלאנד, און פריער די ערגסטע פון די ביבל־קריטיקער דארטן, האבן ניט געהאט די העזה אנצורירן.

די נביאים, זאגט דאס מאסקווער בוך, האבן נאר געארבעט האנט אין האנט מיט די אידישע עקספלואטאטארס און זיי געהאלפן צו האלטן די פראלעטארישע מאסן און די פויערים אונטער די פיס. מיט רעליגיעזע פראזן האבן זיי געזוכט צו באטויבן דעם קלאסנבא־

וואוסטזיין פון די אונטערדריקטע מאסן. ווען זיי האבן געפריידיקט קעגן סאציאלע זינד האבן זיי עס פארגעשטעלט ניט ווי זינד קעגן די ארימע און אונטערדריקטע, נאר ווי זינד קעגן אידישן גאט וואס איז אליין געווען ניט מער ווי אן „אריענטאלישער דעספאט".

וואס איז נאך דא אין דער גאנצער וועלט שענערס ווי ישעיה'ס „והיה באחרית הימים"? האבן דען אפילו די אפיקורסים בני אפי־קורסים צווישן די גרעסטע סאציאליסטישע דענקער עס ניט באַ־טראכט פארן שענסטן חלום פאר אלע צוקונפטיקע צייטן? אבער ביי די מאסקווער לומדים קומט עס ארויס ווי א דערפינדונג פון דעם נביא צו פארטשאדען די מחות פון די אונטערדריקטע מאסן און זיי פארוויגן אין „א טרייסטנדיקן חלום וועגן א גאלדענער צייט ווען דער וואלף וועט לעבן בשלום מיט'ן שעפסעלע", און נאך אזעלכע „דרשות וועגן ליבע צום נאנטן" א. א. וו. (זייט 230).

גאר ביטער שניידט אפ ירמיה'ן הנביא.

ירמיה'ן, זאגט מאסקווע, האט „עקשנות'דיק געקעמפט קעגן דעם פארזוך פון די אידישע מלכים זיך צו באפרייען פון דעם יאך פון בבל" (זיינען שוין הייסט עס מלכים געווען קעגן א יאך, און דער נביא פאר א יאך). אין דער צייט פון דער באלאגערונג פון ירושלים, זאגט זיך דארט ווייטער, האט ירמיה' אגיטירט מ'זאל „אריבערגיין צום שונא" — אזא פאררעטער! און ער אליין, הערן מיר ווייטער, האט שוין געהאלטן „ביים איבערגעבן זיך" נאר „מ'האט אים גע־פאקט און ארעסטירט" — גאר ווי מיט די „שונאים פון פאלק" אין סאוועט־רוסלאנד. און „ווען די בבלים האבן איינגענומען ירושלים, דערקלערט מאסקווע, האבן די זיגער באפרייט ירמיה'ן ווייל ער איז געווען זייער אגענט און זיי האבן אים באלוינט"! (ז. 220).

עס האט נאך בלויז געפעלט זיי זאלן צוגעבן: א טראצקיס־טישער אגענט...

אט קעגן אזא גייסטיקן שווינדל ווי אזוי זאל געשיצט זיין א קינד פון א אידישיסטישער שול וואו מ'לערנט ניט קיין תנ"ך?

ריידנדיק וועגן שקלאפעריי זאגט דאס מאסקווער בוך אז „אפילו דאס קריסטנטום" איז ניט געווען אזוי גרויזאם צו שקלאפן ווי דער תלמוד (ז. 364).

מיט אַ צייט צוריק האָט קאָגלינ'ס „סאָשעל דזשאַסטיס" געשריבן אַז דער תלמוד, פסחים קיג, ב. זאָגט אַז: האָט ליב (נאַר) איינער דעם אַנדערן, האָט ליב גניבה און זנות, האָט פיינט אייער באַלעבאָס און רעדט ניט צו אים דעם אמת". דער זשורנאַל צעגייט זיך איבער גאַנץ אַמעריקע. איך בין זיכער אַז אַ סך אַמעריקאַנער, מיט בייזן און אפילו אומשולדיקערהייט מיט גוטן, האָבן זיך ארומגעטראָגן מיט יענעם נומער פונם זשורנאַל און אים געשטופּט אידן אונטער דער נאָז: נאָט זעט וואָס אייער תלמוד זאָגט! מען האָט געשטאָכן אידן די אויגן מיט דער אוממאָראַלישקייט פון איינעם פון אונזערע גרעסטע הייליקטימער.

און ס'איז אינטערעסאַנט אַז דאָס מאָסקווער בוך זאָגט אויך דאָס אייגענע און ברענגט אויך דעמזעלבן מאמר, כאָטש מיט אַ שטיקל שמד־שטיק דערביי. (אָפּנים זיי האָבן ביידע געשעפּט פון זעלבן אנטיסעמיטישן קוואַל). ווען עס קומט צו שנאה צום תלמוד באַגעגנט זיך עקסטרעם לינקס מיט עקסטרעם רעכטס, כאָטש דאָס איז געווען נאָך פאַר'ן היטלער־סטאַלין אָפּמאַך.

און איצט שטעלט אייך פאָר אַז אַזוי שטייט טאַקע דאָרט אין פסחים, קיג, ב!

און שטעלט אייך פאָר ווייטער אַז אַ תלמיד פון אַ אידיש־וועלטלאַכער שול, פון יעדער אידיש־וועלטלאַכער שול, ווערט אַריינגעכאַפּט אינמיטן צווישן אַ קאָגליניסט און אַ קאָמוניסט, איינער שטופּט אים דעם „סאָשעל דזשאַסטיס" אין פּנים אַריין און דער אַנדערער שטופּט אים דאָס מאָסקווער בוך אין פּנים אַריין, און זיי פאָדערן פון אים: וואָס זאָגסטו, אידעלע, דערצו?!

וואָס וועט ער זיי טאַקע זאָגן? וואָס קען ער זיי זאָגן אַז ער איז נעבאָך נקי?!

דער ענטפער צום גאַנצן שטיק שווינדל מיט'ן גמרא־מאמר איז זייער אַ פשוט'ער. ס'איז אַ פאַל פון „ועבדתם אלהים אחרים" — מן התורה. דאָס און ווייטער גאָרנים. אָבער אונזער „למדן" פון דער אידיש־וועלטלאַכער שול וועט זיך מוזן פּילן הילפלאָז אין דער לאַגע. ווייל ערשט פון דעם קאָגליניסט און דעם קאָמוניסט וועט ער זיך דערוויסן אַז ס'איז גאָר אינגאַנצן דאָ אַ גמרא פסחים!

און איצט, אַז אונזער למדן ווייס שוין אַז מיט יענעם מאמר אין פסחים איז עס נאָר אַ פאַל פון „ועבדתם אלהים אחרים", פרעגט אים אדרבא וואָס דאָס מיינט...

אַז ווען עס קומט צו אַזעלכע זאַכן איז ער אַ גוי גמור!... *)

און דאָס איז אַ דור, שוין אַ גאַנצער דור אידן, וואָס די אי־דישע וועלטלאַכע שול האָט אַרויסגעלאָזט צו פאַרטיידיקן דעם אי־דישן כבוד און „וויטער שפינען די גאָלדענע פאָדים פון דער אידישער געשיכטע"...

און איך זאָג נאָכאַמאָל אַז דאָס זיינען די זאַכן מיט וועלכע אַ אידישע שול דאַרף צוגרייטן דאָס אידישע קינד עס זאָל וויסן זיין וועג אין אַ ניט־אידישער וועלט. וואָס קומט מיר אַרויס אַז ער קען שוין דעקלאַמירן לייוויק'ס אַ ליד (און ס'איז ניט אַזוי!) אַז ווען עס קומט צו אַן עיקר און אַ יסוד אויף וועלכע עס שטייט די סאַמע־אידישע עקזיסטענץ, יענע עיקרים און יסודות איבער וועלכע די וועלט האָט זיך אייביק געשלאָגן מיט אונז און וועט זיך נאָך לאַנג שלאָגן, איז ער אָדם נאַקעט?!

אודאי, ניט שטענדיק האַנדלט זיך עס אין אַזעלכע מגושמ'דיקע אויסטייטשונגען און גראָבע פעלשונגען ווי איך האָב דאָ געבראַכט פון דעם קאָמוניסטישן בוך און פון קאָגלינ'ס זשורנאַל. אָבער דער קאַמף, ווען אַפילו אין ציוויליזירטע פאָרמען, גייט אָן אייביק, אין די רעליגיעס, אין דער פילאָזאָפיע, אין די ליטעראַטורן, אין די קונסטן, אין די וויסנשאַפטן און אין דער פרעסע. איז עס ניט קיין מלחמה איז עס אַ ראַנגלעריי, איז עס ניט קיין ראַנגלעריי איז עס אַ וכוח, איז עס ניט קיין וכוח איז עס אַ שמועס, איז עס ניט קיין שמועס איז עס די שטומע גראַוויטאַציע צווישן דער אידישער וועלט און די וועלטן אַרום איר, אָבער שטענדיק איז דאָ אַ באַציאונג, אַ באַ־ציאונג אויף וועלכער יעדער איד, צי פראָסט צי געבילדעט, מוז זיך אָפּרופן. מיט וואָס אָבער זאָל דער איד פון דער אידיש־וועלט־לאַכער שול זיך אָפּרופן אַז מיט טויזנט אויגן ווערט ער געהיט און געשירעמט אַז די אידישקייט זאָל חלילה ניט קאַליע מאַכן זיין וועלט־לאַכקייט?

*) אין דער גמרא שטייט אַז כנען האָט אַזוי געלערנט...

אין אַ צייט וואָס האָט דערלעבט צו זען דאָס אויפשטייגן אין דער וועלט פון ספּעציעלע שולן פאַר אַנטיסעמיטיזם; אין אַ צייט ווען גאַנצע מלוכות האָבן זיך מאָביליזירט קעגן אידישן גייסט, אין אַזאַ צייט זאָלן זיין אידישע שולן געשטעלט אויף אַ סיסטעם וואָס גייט פאַרביי די פונדאַמענטאַלע זאַכן פון אידישקייט, און ברענגט גאָרניט ארויף דאָס אידישע קינד אויפן וועג וואָס פירט צו די אייביקע אידישע ווערטן! אַז מען זאָל נאָך היינט זיך דאַרפן ראַנגלען פאַר לערנען תנ״ך!

די אידישע עם־הארצות פון דעם יונגען אידישן דור אין אַמעריקע איז אַזוי גרויס אַז זי האָט שוין אַנגעהויבן אויפרייסן די אויגן פון די גוים. ניט לאַנג צוריק האָט אַ פּראָפעסאָר פון אַן אוניווערסיטעט, דוכט זיך פון שיקאַגאָ יוניווערסיטי, געשריבן וועגן דער „שטוינענדער אומוויסנהייט״ (אַפּאַלינג איגנאָרענס) פון אידישע סטודענטן אין תנ״ך און בכלל אין אידישע זאַכן. אַ גוי׳שער קאָפּ, קען ער זיך ניט פאָרשטעלן אַ אידן אָן תנ״ך. יעדן טאָג פון יאָר, איבער דער גאַנצער ברייט פון אַמעריקע, שפּילן זיך אָפּ אַזעלכע סצענעס אין די סקולס: אין לויף פון דעם לערנען קומט אָפּט אויס דעם לערער צו באַרירן דעם תנ״ך, ווייל וועלכער לימוד איז ניט ערגעץ־וואו דורכגעוועבט מיט׳ן תנ״ך, וואו מער, וואו ווייניקער?

און שטענדיק באַקומט זיך אַזאַ רעזולטאַט: די קריסטלאַכע קינדער ווייסן פון וואָס דער לערער רעדט, די אידישע קינדער ווייסן ניט...

ס׳איז פּשוט אַ חרפּה פאַר די גוים.

איך האָב איינמאָל אַליין, מיט חרפּה אין פּנים, דורכגעלעבט אַזאַ סצענע. געווען איז עס ניט אין אַ סקול נאָר אויף אַ פאַרם אין קאָנעטיקוט, און ניט מיט אידישע קינדער נאָר מיט צוויי דערוואַקסענע אַמעריקאַנער אידן. מיר זיינען צוגעפאָרן צו אַ פאַרם. די באַלעבאָסטע איז געווען אַ שוועדישע פרוי, אַ קריסטין. אידן — האָט זי פאַרפירט אַ שמועס וועגן אידישקייט. זי האָט אָבער גלייך דערזען אַז זי קען דאָ מיט מיינע פריינט ווייט ניט פאַרגיין האָט זי פלוצלינג אַ זאָג געטאָן: אי׳ל בעט יו אַז איר קענט ניט אויסרעכענען די נעמען פון די צוועלף שבטים!

און וואָס מיינט איר ? זיי האָבן טאַקע ניט געקענט... האָט זי גענומען און אליין אַראָפּגעזאָגט די צוועלף נעמען, אַראָפּגעזאָגט ווי אַ מזמור...

פון דעמאָלט אָן האָב איך זיך געמאַכט אַ מאָדע, ווען איך באַגעגן אַ תלמיד פון אַ אידישיסטישער שול פרעג איך אים די נעמען פון די צוועלף שבטים.

און דערווייל האָב איך נאָך ניט באַגעגנט אַזאַ איינעם, אַזאַ זעלטענעם וואָס זאָל עס וויסן.

אָבער, אין מיין רשעות, שטיי איך ניט אָפּ און פרעג וואָס זיינען די נעמען פון די אידישע חדשים.

איך האָב דאָ אויך ניט געהאַט קיין בעסערן מזל. דערפאַר האָב איך געטראָפן אַ תלמידה וואָס איז גאָר געווען איבעראַשט צו הערן אַז אידן האָבן אַן אייגענע צייטרעכענונג...

אין די ביטערע צייטן וואָס מיר לעבן היינט איבער האָט מען אין דער אידישער פּרעסע גערעדט — מער פאַרשוויגן ווי גערעדט — וועגן דער טרויעריקער דערשיינונג וואָס די גרויסע אַמעריקאַנער אידישע יוגנט איז כמעט גאַרניט באַווירקט געוואָרן פון דער ביטערער מלחמה פונ'ם היטלעריזם קעגן אידישן פאָלק. עס איז עפּעס אַזוי ווי ניט זי מיינט מען. און וואו זי איז יאָ באַווירקט געוואָרן איז עס געווען אין אַ נעגאַטיוון זין. זי איז ניט אויפגערודערט געוואָרן, נאָר צערודערט געוואָרן, צעטומעלט און דערשלאָגן געוואָרן, אָן מוט צו ווידערשטאַנד און פּראָטעסט, מיט סימנים פון דעם מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס.

קען דאָ זיין אַן אַנדער סיבה ווי די אידישלאָזיקייט אין וועלכער זי איז אויפגעצויגן געוואָרן און ווערט אויפגעצויגן ? אויף וואָס זאָל זי זיך אָנשפּאַרן פאַר ווידערשטאַנד ?

די אידישיסטישע שול טראָגט איר חלק שולד פאַר איר חלק פון דערדאָזיקער אידישער יוגנט אין אַמעריקע.

די אַלטע תורה און די נייע

קיינער וועט ניט פאַרשטיין דעם מהות פון דער אידיש־וועלט־לאַכער שול ווען ער וועט אויסלאָזן פון אויג איין זאַך — אַז זי איז אַנטשטאַנען אין אָפּאָזיציע און קאַמף קעגן דעם חדר. ווי, וויפיל זלזולים, קללות און חרמות מען האָט עס שוין ביי אונז אויסגעשאָטן אויפן קאָפּ פון דעם אָרימען חדר! פון די צייטן פון דער השכלה אָן ביז היינטיקן טאָג. איר וועט אין דער גאַנצער אי־דישער ליטעראַטור ניט געפינען קיין איין גוט וואָרט אויפן חדר. די טעאָרעטישע ליטעראַטור פון דער אידישיסטישער שול פאַרנעמט זיך באַלד אַזוי פיל מיט אַרונטעררייסן דעם חדר ווי מיט באַגרינדן זיך אַליין. וואָס־עפּעס וועט איר דאָ הערן: אַנו, לאָמיר נאָר זען וואָס מיר טוען אויף און וואָס אייערע תלמוד תורה׳ס טוען אויף!

אויף דריי ליניעס איז געפירט געוואָרן, און ווערט געפירט, די מלחמה אויפן חדר: אויף זיין פיזישן אויסזען, אויף זיין פּעדאַגאָגיק און אויף זיין נשמה׳דיקן אינהאַלט.

באַ׳חוזק׳ט און באַשימפּט אָן אַ ברעג איז געוואָרן דער אָרימער אידישער חדר אין דעם אָרימען ליימענעם הייזקעלע, אין דעם קליינעם אָרימען אידישן שטעטעלע. ווען אונזערע משכילים פלעגן אַ קוק טאָן אויפן חדר און אים פאַרגלייכן מיט דער „אוטשילישטשע״ אָדער גימנאַזיע פלעגט זיי אָנכאַפּן אַ ברעכעניש. דאָ — קליינע פענ־סטערלאַך, די סטעליע אויפן סאַמע קאָפּ, דער דאַך אַ רינענדיקער, און דאָרט — אַזוי ליכטיק, אַזוי געראַם, אַ נייער פרישער בנין. דאָ דער רבי מיט דער „ציג״, די רבי׳צין מיט דער פאַמויניצע, די תלמידים מיט די עקעלאַך אַרויסשטעקנדיק פון די הויזקעס — און דאָרט אַ סטאַראָזש וואָס האַלט ציכטיק, אַ לערער מיט אַ קאָ־

קאַרדע און שילער מיט גלאַנציקע קנעפּלאַך. פוי, עס עקלט פונם חדר!

און עס איז די משכּילים גאַרניט איינגעפאַלן אַז דאָ איז אַן אָרימע מאַסע וואָס רייסט זיך ממש דעם ביסן פון מויל אויפצו־האַלטן אַן אייגענע שול־סיסטעם, ניט געשטיצט פון קיין מלוכה, פון קיין שטייערן, נאָר אַליין מיטן לעצטן טראָפן בלוט פון האַרצן, כּדי צו געבן דעם אָרימסטן פון די אָרימסטע אידישע קענטשאַפט, און דאָרט אַ רעגירונג־שול וואו נאָר פּריצישע קינדער האָבן גע־קענט אַנקומען. אָפּטמאָל טראַכט איך אַז ווען דעם חדר וואָלט גע־האַט ניט די אָרימע אידישע מאַסע נאָר די רוסישע פּויערים־מאַסן ארום, אין זייערע דערפער און שטעטלאַך, און וואָלטן ארויס־געוויזן אַזאַ דורשט צום לערנען און אַזאַ גרייטקייט אויף קרבּנות ביזן לעצטן ביסן — ווי וואָלטן עס די משכּילים, און נאָך זיי די אי־דישע ראַדיקאַלן, באַזונגען די שיינע רוסישע נשמה! די אָרימקייט און אָפּגעלאָזנקייט פון דעם רוסישן חדר וואָלט דעמאָלט ניט געווען קיין שאַנד. פאַרקערט, ערשט דערין וואָלט געלעגן די אמת'ע שיינקייט.

איז געקומען די געשיכטע און האָט זיך גאָר מיאוס אָפּגע־רעכנט מיט אונזערע משכּילים און „וועלטלאַכע". זיי זיינען געקומען קיין אַמעריקע און זיך גענומען בויען אייגענע „חדרים", די אידיש־וועלטלאַכע שולן. ווי זעען די מערסטע פון זיי אויס? מ'זאָל עס זען אויף שונאים. אין קעלערס, אין פינסטערע קענדי־סטאָרקאַלאַך, אין ענגע, חשכ'דיקע רומקעס. אָרימער אָפּטמאָל ווי דער חדר אין דער אַלטער וועלט. און דעם לעצטן ביסן פון מויל דאַרף מען זיך דאָ אויך ניט ארויסרייסן. פאַרקערט, זייער אָפּט פאָרט מען אין אייגענע אויטאָמאָבילן. וואָס האָט איר אַזוי געכיכיקעט פונם חדר, אידישע וועלטלאַכע?

די צוויטע ליניע פון אַטאַקע אויפן חדר איז געווען, און גע־בליבן, געווענדט קעגן זיין פּעדאַגאָגיק און זיין מעטאָדיק. דאָס איז אַ טרויעריקער קאַפּיטל פאַר זיך. דער אידישער חדר איז די עלטסטע שול־סיסטעם אין דער וועלט. זי איז די ערשטע שול־סיסטעם אין אייראָפּע. זי ציט זיך אַן איבעררייס שוין איבער דריי

טויזנט יאָר. ווען אַ סך פון די איראָפּעאישע פעלקער האָבן נאָך קיין אלף־בית ניט געהאַט זיינען אידישער קינדער געזעסן אין חדר און געלערנט תורה. ווען אין איראָפּע, אַפילו אין די אַריסטאָ־קראַטישע שיכטן, איז נאָך געווען אַ חרפה צו קענען לייענען און שרייבן, יע, אַ חרפה — געווען אַזאַ צייט אויך אין איראָפּע! — זיינען איבער די אָרימע געסלאַך פון די אידישע געטאָס אומגע־גאַנגען לומדים און גאונים. דער פּשוט'סטער איד האָט געקענט דאַווענען. דערגרייכט געוואָרן איז עס דורך דער פּעדאַגאָגיק און מעטאָדיק פון דעם חדר. און אַזוי איז עס דערגאַנגען ביז אונ־זערע טעג — אַ גרויסע, אַ רייכע אָן אַלטע פּעדאַגאָגישע דער־פאַרונג, וואָס האָט איר ריכטיקייט באַוויזן אין דער פּראַקטיק, מיט דער פּראַקטיק פון אידישער לומדות אומעטום און אין אַלע צייטן, און מיט דער אייביקער, ניט־איבערגעריסענער אַנטוויקלונג פון דער אידישער קולטור אין אַלע אירע צווייגן.

אַט דער חדר מיט זיין „פּרימיטיווער" פּעדאַגאָגיק האָט פונדעסט־וועגן באַוויזן דעם וואונדער וואָס ער האָט גענומען דאָס שווערסטע בוך אין דער וועלט, די גמרא, און עס געמאַכט פאַר אַ פאָלקס־בוך, אַ הויז־בוך ביי אידן.

וואָלט מען געמעגט דערוואַרטן אָדער ניט אַז אונזערע מאָדערנע פּעדאַגאָגן זאָלן וועלן עפּעס לערנען פון דער דאָזיקער דערפאַרונג?

עס הויבט זיך ניט אָן! גאַרניט אויסער חוזק און געלעכטער. פרעגט, אדרבא, אַ מאָדערנעם אידישן לערער ער זאָל אייך זאָגן וואָס עס האָט צו זאָגן די משנה, די גמרא אָדער אַפילו די תורה וועגן דעם ענין לערנען מיט קינדער און ער וועט אייך אָנקוקן ווי אַ מענטשן פון דזשאַנגל. ניט אַזעלכע רעאַקציאָנערישקייטן פאַר אים! אים גיט פרעבל, פּעסטאַלאָצי, דאָס נייעסטע ביכל פון טיטשערס קאָלעדזש פון קאָלאָמביאַ יוניווערסיטי — דאָ ליגט די גאַנצע פּע־דאַגאָגישע חכמה! עס איז מיר ניט באַקאַנט אַז אין לערער־סע־מינאַר אָדער די לערער־קורסן וואו עס ווערן צוגעגרייט לערער פאַר די אידישיסטישע שולן זאָל געגעבן ווערן אַ קורס אין דער געשיכטע פון דער אידישער פּעדאַגאָגיק. און אויב יע, איז עס ניט אָנצונעמען און נאַכטאָן, נאָר צוריקצואווייזן.

וואס איז געווען דער גרונד־געדאנק פון דער אלטער אידישער פעדאגאגיק?

זייער א פשוט'ער געדאנק, ריכטיקער א צווייענדיקער געדאנק.

ערשטנס, אז אין דעם פראצעס פון דער דערציאונג, אין דער ארבייט פון דערציאונג, ווערט ניט אנערקענט א צווייענדיקע וועלט, א וועלט פון קינדער און א וועלט פון אלטע. עס איז דא איין וועלט פארביידן. דאס קינד דאווענט פון דעם אייגענעם סידור און מחזור ווי דער טאטע. דאס קלענסטע אינגל און דער גרעסטער גאון לערנען די אייגענע תורה, דעמזעלבן חומש מיט רש"י און דיזעלבע גמרא מיט תוספות.

זייער קינדעריש לעבן פירן די קינדער פאר זיך אליין, אויסער די לימודים. זיי זיינען קינדער אויסערן חדר. אין חדר ווערן זיי מיטאמאל אריינגענומען ווי גלייכע אין דער וועלט פון די גרויסע.

משוגע, וועלן זאגן די היינטיקע אידישע לערער, דאס קען דאך מאכן פון די קינדער גייסטיקע קריפלס. מ'דארף, לויט זיי נאך ווי זיי וויסן עס פון דער וועלט־פעדאגאגיק, מיט קינדער גיין בהדרגה. די ערשטע יארן דארף מען די קינדער שפייזן מיט קינדער־מעשה'־לאך, מעשה'לאך מיט א קעצעלע און א מייזעלע, א גענזעלע און פישעלע א. אז. וו.

דער רעזולטאט איז אז די סאמע בויגזאמע, פארמירנדיקע יארן פון דעם קינד גייען אוועק אויף טריוויאליטעטן. אבער דער חדר האט דוקא די דאזיקע יארן אויסגענוצט. און אויב דאס מוז ארויס־ברענגען גייסטיקע קריפלס דאן זיינען אלע אידישע דורות (ביז די היינטיקע אידישע לערער, פארשטייט זיך) געווען גייסטיקע קריפלס. גייסטיקע קריפלס האבן דערהאלטן דאס אידישע פאלק אין א פיינט־לאכער וועלט, גייסטיקע קריפלס האבן געשאפן אונזער גאנצע קולטור.

ווייס איך אז אפילו ווען איר וועט ברענגען פאר עדות אלע אידישע דורות מיט זייערע לומדים, גאונים און סופרים וועט עס ניט אזוי העלפן צו איבערצייגן אונזערע מאדערנע לערער ווי די מיינונג פון איין גוי. האב איך אזא גוי!

דאָס איז אַנאַטאָל פראַנס. אין זיין בוך „לע ליוור דע מאָן אמי" (מיין פריינד'ס בוך) מאַכט ער צו שפּאָט די פּעדאַגאָגיק וואָס זוכט צו פויזן באַגלייך מיטן קינד אויף אַלע פיר, טראַכט אויס פון זיינעטוועגן פאַנטאַסטישע מעשה'לאַך און זוכט אים צו האַלטן איינגעשלאָסן אין זיין קינדישער וועלט. נאַרישקייטן, זאָגט אַנאַטאָל פראַנס. מ'דאַרף ניט און מ'קען ניט צוהעלפן די קינדער אין זייער פאַנטאַסטישן לעבן. קיין דערוואַקסענער קען ניט צוגעבן צו דעם וואָס די קינדער אַליין שאַפן אין דעם פרט. וואָס קינדער ווילן איז — זיין גרויסע. זייער גרעסטע ליידנשאַפט איז צו וויסן וואָס די גרויסע וויסן, צו וויסן וואָס ביי די גרויסע טוט זיך!

און דאָס איז דאָך אמת ווי גאָלד. ווער ווייס עס ניט ווי אומגעדולדיק ס'איז דאָס אינגל אָנהויבן צו טראָגן לאַנגע הויזן און ווי דאָס מיידל קען זיך ניט דערוואַרטן ווען מ'וועט שוין איר אָנהויבן פאַרקעמען די צעפּלאַך אויף אַרויף.

איר וועט אַ קינד מיט קיין זאַך אַזוי ניט איינגעמען ווי מיט דער חניפה: דו ביסט דאָך שוין עפּעס אַ גרויסער בחור, אָדער אַ גרויס מיידל.

און אויף אָט דעם פּרינציפּ איז געשטאַנען די אַלטע אידישע פּעדאַגאָגיק.

אגב, „מיין פריינט'ס בוך" איז פראַנס'עס אַן אויטאָביאָגראַפיש ווערק, און דאָס „בוך" — דאָס איז דער תנ"ך, און אַנאַטאָל פראַנס שילדערט דאָרט דעם ווערט פון תנ"ך אַלס דערציעריש ווערק און זיין ראָלע אין אויסבילדן זיין גייסטיקע וועלט (פאַרצייכנט עס ביי זיך, איר אידיש־וועלטלאַכע פּעדאַגאָגן!).

דער צווייטער גרונד־געדאַנק פון דער אַלטער אידישער פּעדאַגאָגיק איז געווען צו געבן דעם קינד די ווערטן פון אידישן פאָלק ווי היילִיקטימער, אין וועלכע עס דאַרף איינגעוועבט ווערן מיטן גאַנצן געפיל און געדאַנק און זיי אָפּהיטן און מקיים זיין ווי היילִיקטימער, בכל לבבך ובכל נפשך ובכל מאדך. ווען דער רבי האָט געלערנט מיטן אינגל תורה האָט ער געוואוסט אַז אויף דעם שטייט די גאַנצע וועלט. זיכער די אידישע וועלט.

מיט דעם איז דער פיל פאַר'חזק'טער מלמד געווען, און גע־בליבן, דער איינציק אמת'ער, דער אידעאַלער פעדאַגאָג.

ניט אַזוי די מאָדערנע וועלטלאַכע אידישע שול. אויך דאָ גייט זי אין די טריט פון דער מאָדערנער וועלטלאַכער פעדאַגאָגיק, וועלכע האַלט, (ריכטיקער האָט געהאַלטן, ווייל אין די טאָטאַליטאַרע שטאַטן איז עס שוין געוואָרן אַנדערש) אַז מ'דאַרף דעם קינד ניט געבן קיין דאָגמעס, ניט קיין רעליגיעזע און ניט קיין סאָציאַליסטישע, נאָר דער עיקר אים געבן אינפאָרמאַציע און אונטערוואַרפן אַלץ אונטער זיין אייגענעם קאָנטראָלירנדיקן שכל. וועלכע פון די צוויי שיטות איז די ריכטיקע? דאָס איז אַן ענין וואָס לאָזט זיך אַ סך דע־באַטירן. מיר דוכט זיך אַז אויך דאָ האָט די אידישע פעדאַגאָגיק זיך באַוויזן פאַר אמת'ער. אַלע שטורעמס פון די צייטן האָבן ניט געקענט אָוועקבלאָזן דעם אידישן מענשן און אויסלעשן די תורה, אָבער אין איירָאָפּע, ביי דער גאַנצער רייכקייט און מאַכט פון דער מאָדערנער שול, ווען עס זיינען געקומען די פאַשיסטישע און נאַ־ציסטישע ווינטן, זיינען אַלע אירע ליבעראַלע און פּראָגרעסיווע תורה'ס צעבלאָזן געוואָרן ווי פּאַלעווע. די יוגנט, אַפּטמאָל די סטו־דענטשאַפט, איז געווען די ערשטע צו לויפן נאָך די נייע אָפּגעטער און טרעטן מיט די פיס די קולטור.

ווען די אידישיסטישע שול וואָלט זיך אַנטוויקלט פון אינעווייניק אַרויס, אין גייסט פון דער אידישער פעדאַגאָגיק, וואָלט זי גלייך פון אָנהויב געפילט אַז זי דאַרף זיך ניט נעמען די אַלגעמיינע וועלט־לאַכע שול פאַר איר מאָדעל. וואָרום די אַלגעמיינע שול איז דער עיקר אַ שטאַטלאַכע, אונזערע איז אַ נאַציאָנאַלע, ווען אַפילו זי וויל זיין אַ ראַדיקאַל־נאַציאָנאַלע. די שטאַטלאַכע שול האָט אַנדערע הייליקטימער. זי האָט געהאַט אַ גאַנץ אַנדער אַנטוויקלונג. זי האָט זיך אַנטוויקלט פון דעם גייסטיקן, פּאָליטישן און עקאָנאָמישן קאַמף, דעם קאַמף וואָס האָט געהייסן די צעטיילונג פון קירכע און שטאַט. ביי אונז איז דער גאַנצער ענין געווען און געבליבן אַן אַנדערער.

נאָר ניט אין דעם באַשטייט דער גרעסטער גרייז פון אונזער אידישיסטישער שול וואָס אירע מעטאָדן און פעדאַגאָגיק האָט זי קאָפּירט פון דער פרעמד. איר גרעסטער גרייז, וואָס האָט זי גע־

בראַכט צו אַ גוואַלדיקן אינערלאַכן קריזיס, איז דאָס וואָס זי האָט פון דער פרעמד געבראַכט דעם גייסט אין וועלכן זי באַהאַנדלט די אידישע הייליקטימער. גוי'עשער צוגאַנג צו אידישער קדושה! עס איז אַ גייסט וואָס קען בשום אופן ניט צובינדן די קינדער צו אונז אפילו מיט סענטימענטאַלער פאָלקסטימלאַכקייט.

ווי אזוי זאָל איך אָט די טראַגעדיע ארויסברענגען?

איך בין דאַנקבאַר דוד איינהאָרנ'ען וואָס איך וועל קענען דורך זיין מויל, דורך קורצע עטלאַכע שורות זיינע, פאָרמולירן דאָס גאַנצע אומגליקלאַכע פראָבלעם. אין „וועקער" פון פעברואַר 1, 1941, שרייבט ער:

„וואָס אייגנטלאַך האָט אַזוי אָנגעצונדן ליבערמאַנ'ס צאָרן?

אין אַרבעטער-רינג גייט אַ דעבאַטע, צי זאָל מען לערנען מיט די קינדער דעם תנ"ך לויט דער חדר-טראַדיציע פון „ויאמר — האָט געזאָגט — ה' — גאָט — אל משה — צו משה'ן — לאמר — אַזוי צו זאָגן"*) — אָדער מען זאָל געבן די קינדער דעם תנ"ך ווי אַ גרויס אידיש היסטאָריש און ליטעראַריש ווערק, וואו עס ווערן געפּרידיקט די שענסטע אידייען פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, פון פעלקער פאַרברידערונג און אמת. עס איז אַ דעבאַטע וואָס פירט זיך שוין יאָרן לאַנג ניט נאָר אין אַרבעטער-רינג, נאָר איבעראַל. איך קען ליבערמאַנ'ען פאַרזיכערן, אַז ביי די קינדער פון אַלטן חדר איז אַמווייניקסטן עפּעס געבליבן פון תנ"ך. איך אַליין האָב דעם תנ"ך אויף אויסווייניק אויסגעלערנט און נ י ט פאַרשטאַנען זיין גרויס און זיין אוניווערסאַלן ווערט. שפּעטער, אַז איך האָב אים נאָך אַמאָל געלערנט מיט דער הילף פון די ביבל-קריטיקער און גוטע ליטעראַרישע איבערזעצונגען, האָב איך ערשט דאַן אין אָריגינאַל דערפילט די וואונדערלאַכע שיינקייט פון דעם בוך.

קיינער האָט אין חדר ניט אָנגעוויזן אויף דעם הערלאַכן אַנטי-נאַציאָנאַליסטישן און אַנטי-ציוניסטישן געדאַנק וואָס ליגט אין דער געשיכטע פון יונה הנביא. טונקל און האַלב-באַוואוסט האָבן פאַר מיר געקלונגען די הערלאַכע קאַפּיטלען פון ישעיה הנביא. די אָרטאָדאָקסיע האָט דאָך דאָס אַלץ אויסגעמעקט פון איר באַוואוסטזיין און געהאַקט בלויז אויפן סאַמע אומאינטערעסאַנטן טייל — אויף דעם ויקרא מיט די קרבנות און אויף די צערעמאָניעס, וואָס די נביאים האָבן פאַקטיש אָפּגעוואָרפן און אויפן העכסטן הויך געשטעלט די מאָראַלישע אידייען פון אינטערנאַציאָנאַליזם און סאָציאַלער גערעכטיקייט".

---

*) גאָרניט וועגן דעם האָט זיך עס געהאַנדלט, קאָלעגע איינהאָרן.

אָט דאָ האָט איר אַלץ אין אַ נוס־שאָלעכץ, ווי די ענגלענדער זאָגן, אויסגעדריקט פון אַ אידישן דיכטער.

ווען איך האָב געלייענט איינהאָרנ׳ס נאָכקרימען דעם חדר מיט זיין ויאמר — האָט געזאָגט, ה׳ גאָט, אל—צו, משה׳ן צו משה׳ן, האָב איך זיך דערמאָנט אָן מיין דאָרף וואו איך און מיינע ברידער, אינמיטן פון אַ פויערישן ים, זיינען געזעסן אין חדר ווי אויף אַ גייסטיקן אינזעלע און געלערנט, און הינטער די פענסטער פלעגן זיך צונויפקלייבן שקצים און אונז איבערקרימען: ברוך אתה, משה טאַטאַ, אוי טאַטעלע, אוי מאַמעלע!

יע, אַזאַ איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט איינהאָרנ׳ס חוזק מאַכן היינט — היינט נאָך! — פון דעם „ויאמר האָט געזאָגט", מיט וועלכן דורות האָבן געלערנט און גרויס געמאַכט די תורה, און גרויס געוואָרן דורך איר.

נאָר לאָמיר שוין ניט ריידן פון תורה־למדות. ביי איינהאָרנ׳ען האָט עס סיי ווי קיין ווערט ניט. לאָמיר ריידן פון פשוט׳ן אידיש. מיליאָנען אידן איבער דער גאַנצער וועלט, ווי באַוואוסט, קוויקן זיך שוין יאָרן לאַנג מיט אייערע לידער, קאָלעגע איינהאָרן — וואו האָבן זיי זיך אויסגעלערנט לייענען אייערע מייסטערווערקע, ביי אייערע ביבל־קריטיקער אָדער אין דעם אָרימען חדר? די אידישע פרעסע אין אַמעריקע — ווער האָט זי אויסגעבויט און פון וואַנען נעמט זי אירע לייענער — פון די אידישיסטישע שולן אָדער פון אייער פאַרשפּאָטעטן חדר? דער בידנער חדר האָט אַרויסגעגעבן מענ־דעלי׳ן, שלום־עליכמ׳ען, פרצ׳ן, ביאַליק׳ן, ראָזענפעלד׳ן, יהואש׳ן, משה ליב׳ן. וואָס און וועמען האָט אַרויסגעגעבן די אידיש־וועלט־לאַכע שול? קיין דוד איינהאָרן אויך ניט...

היינט די „פאַרזיכערונג" אַז אין חדר האָט מען ניט פאַרשטאַנען דעם תנ"ך און ערשט פון די ביבל־קריטיקער האָט אים איינהאָרן אויסגעלערנט — דאָס איז גאָר אַ חריפות.

משה קבל תורה מסיני ומסרה לביבל־קריטיקער...

איצט איז שוין קלאָר פון וואַנען עס נעמט זיך זיין גאַליקע שנאה צו ציון, און צו אידישקייט בכלל, און צו דער אָרטאָדאָקסיע בפרט.

יע, קאַלעגע איינהאָרן, אין דעם טאַקע גייט עס: אין „קרבנות" און „צערעמאָניעס". אַן קרבנות ברענגען און אָן צערעמאָניעס מקיים זיין איז זייער גרינג צו שטיין און שרייען: הורא פאַרן תנ"ך! בעלנים אויף אַזאַ תנ"ך זיינען דאָ אַ סך. די קריסטן האָבן אָנגענומען דעם תנ"ך אויף אַזאַ תנאי. מיסיאָנערן צאַצקען זיך אויך מיט די שיינע פראַזן פון „אינטערנאַציאָנאַליזם און סאָציאַלער גערעכטיקייט" פון דעם תנ"ך. און אַפילו דאָס גלח'ל קאַגלין. יע, קרבנות און צערעמאָניעס — דאָס איז דער אמת'ער פּרובשטיין פון תנ"ך.

און עס ווענדט זיך וואָס ביי איינעם הייסט „קענען תנ"ך". איינהאָרן מיינט אַז די מעשות פון צוויי ישעיה'ס אָנשטאָט איינעם, אָדער אַ „יעהאָוויסטישער נוסח" און אַן „עלאָהיסטישער נוסח", אָדער אַז ניט דוד האָט געשריבן דעם תהלים נאָר אַן אַנדער איד וואָס האָט געהייסן דוד, אָט דאָס, מיינט ער, הייסט קענען תנ"ך. אַ טעות. דאָס איז „דייטשישע" מעכאַניק. מעכאַניק אָן נשמה און ווייטער גאָרניט. מוחל אַזאַ תנ"ך. אָט וואָס ביי מיר הייסט קענען תנ"ך: ביי עשו'ן שטייט „ויצעק צעקה גדולה ומרה" (און ער האָט געשריען אַ גרויסן און ביטערן געשריי) און ביי מרדכי'ן שטייט אויך: „ויצעק צעקה גדולה ומרה". קומט אַ איד און פרעגט: פאַרוואָס עפּעס דער אייגענער נוסח ביי עשו'ן און שפּעטער ביי מרדכי'ן? און ער זאָגט: אַז פאַרן צער וואָס יעקב האָט געבראַכט עשו'ן (אפילו אַן עשו'ן!) מיט אויסנאַרן די בכורה איז שפּעטער געקומען די גזירה מיט המנ'ען... קיין צער גייט ניט פאַרלאָרן... אָט דאָס הייסט תנ"ך! און דאָס, קאַלעגע איינהאָרן, וועט איר ניט געפינען ביי אייערע ביבל־קריטיקער. דאָס וועט איר געפינען ביי דער אָרטאָדאָקסיע. נעמט אייער תנ"ך־קענטשאַפט און וואַרפט זי ארויס אויפן מיסט.

די קריסטן זאָגן, אַז זיי האָבן געראַטעוועט אידישקייט פון אידישע הענט און אונזערע איינהאָרנס זאָגן, אַז די גוים האָבן געראַטעוועט דעם תנ"ך פון אידישע הענט. נאָך גוט וואָס זיי זאָגן נאָך ניט אַז די קאַגלינס און די מאָסקווער לומדים קענען גמרא אויך בעסער ווי אידן.

דאַרף מען אָבער ניט מיינען אַז איינהאָרן שטייט אַליין אין דעם פּרט. ניין, ער האָט אַ סך שותפים. פאַראַן, צ. ב. צווישן אונז אַ איד וואָס שוין אַ יאָר צוואַנציק אַז ער גיט זיך אָפּ מיט לערנען תנ״ך צווישן אידן, דער עיקר אין די קרייזן פון די אידישיסטישע שולן. און שוין צוואַנציק יאָר אַז ער טענה'ט איין פזמון: די אידן פאַרשטייען דען תנ״ך? די ביבל־קריטיקער, די גוים, זיי קענען דעם תנ״ך!

אודאי, די גמרא האָט דען געקענט תנ״ך? דער מדרש האָט דען געקענט תנ״ך? רש״י, אבן־עזרא, דער רד״ק, דער ווילנער גאון — זיי האָבן דען געקענט תנ״ך? די גוים, גיט זיי די גוים, אונזערע איינהאָרנס!

אָ, מיר פאַרקריפּלטע אידליאַקעס! ווי איז אונז אַז די צאה פון אַנדערע פעלקער איז ביי אונז גאָלד, און דאָס גאָלד פון אונזער אייגן פאָלק איז ביי אונז צאה!

איך זאָג „מיר״, ווייל ווער פון אונז „קולטוריסטן״ האָט ניט אמאָל געזינדיקט מיט אַזאַ געדאַנק? אָבער ווער ס'האָט געזינדיקט מיט אַ געדאַנק און ווער ס'האָט אויפגעשטעלט דערפון אַ נאַציאָנאַלע שיטה..

און דאָ קום איך צו צום עיקר פון אונזער ענין. ווען די דאָזיקע טעאָריעס און געדאַנקען וואָלטן געבליבן נאָר די אויסגי־סאַכצן פון די איינהאָרנס אין די זשורנאַלן וואָלט נאָך געווען צו דערליידן. דאָס גרויסע אומגליק אָבער איז וואָס זיי ווערן אריינ־געטראָגן אין דער אידיש־וועלטלאַכער שול, און אויף זיי ווערן דער־צויגן אידישע קינדער!

טעקסט־ביכער פאַר דידאָזיקע שולן זיינען געשריבן געוואָרן לויט דידאָזיקע טעאָריעס און אין דעמדאָזיקן גייסט, און מיט זיי איז שוין פאַרדאָרבן געוואָרן אַ גאַנצער אידישער דור!

מיט איינעם אַזאַ טעקסט־בוך וויל איך דאָ באַקענען דעם לעזער.

און איך בין אויף דיר גוזר, ליבער לעזער, דו זאָלסט זיך דאָ ניט אָפּשטעלן. זע, איך נעם דיך אָן פאַר די לאַצן און וועל דיך ניט אָפּלאָזן ביז דו וועסט עס ניט דערלייענען ביזן סוף!

אידישע געשיכטע אין דער וועלטלאַכער שול

דאָס בוך איז „אידן אַמאָל און היינט" (אין צוויי בענדער) פון ה. בעז (בעזפּראַזוואַני).

ווי דער נאָמען ווייזט שוין, איז עס אַ טעקסט־בוך פון אידישער געשיכטע. און געשיכטע, געדענקט, איז דער וויכטיקסטער קוואַל פאַר דער קענטעניש פון אידישקייט אין דער אידישיסטישער שול.

גלייך ביים אַרויספאַר ווערן מיר אָפּגעשפּריצט אַ פולן פּנים מיט בלאָטע. „די ערשטע אידן, זאָגט אונזער מחבר, זיינען ניט געווען די ערשטע מענשן אויף דער וועלט (אַ דאַנק פאַר דער אינ־פאָרמאַציע!)... די עגיפּטער, די באַבילאָנער, די כנענים זיינען געווען פיל עלטער פון די אידן. און בשעת יענע האָבן „שוין פון לאַנג, אפשר פון טויזנטער יאָרן, געלעבט אין שטעט, פאַרמאָגט געצייג, געקענט שרייבן, געבויט שיינע הייזער, פּאַלאַצן, געגראָבן קאַנאַלן, האָבן נאָך אידן אין יענער צייט געציילט אויף די פינגער, אפשר ניט מער ווי ביז צען... און אומגעגאַנגען באָרוועס".

ווי געפעלט אייך דער ערשטער ברוך הבא?

און פון וואַנען האָט עס אונזער מחבר גענומען? דער חומש דערציילט ווי אַזוי די אידן האָבן זיך אויסגעטיילט פון דער סעמי־טישער פעלקער־וועלט. עס האָט זיך אָנגעהויבן מיט אברהמ'ען. אַברהם האָט זיך אויסגעטיילט פון זיינע אַרומיקע מיט אַ נייעם גאָט־באַגריף. אברהם האָט געגרינדעט אַ משפחה, פון דער משפחה איז געוואָרן אַ שטאַם, פון דעם שטאַם איז געוואָרן אַ פאָלק.

איז ממה־נפשך, אויב אידן זיינען געווען אידן פאַר און אָן אַברהמ'ען, טאָ פאַרוואָס זיינען דוקא זיי אַליין געבליבן באַרבאַרישע

באַסיאַקעס בשעת זייער גאַנצע סביבה איז שוין געווען אַזוי ציווי־ליזירט? תיקו.

אָ, אָבער דער עיקר איז דאָ ניט די היסטאָרישע פאַקטן נאָר די כונה! איר, אידעלאַך, זאָגט אַז איר זייט געקומען מיט אַ נייער ציוויליזאַציע אויף דער וועלט — נאָ סערי! איר זאָלט וויסן, אי־דישע קינדערלאַך, אַז בשעת די אַרומיקע פעלקער האָבן שוין גע־האַט אַ שריפט, מיט אַ קולטור פון שטעט און פּאַלאַצן, האָבן אייערע אורעלטערן נאָך געציילט אויף די פינגער און — אַ היסטאָריקער מוז זיין פּינקטלאַך — אפשר ניט מער ווי ביז צען...

און פאַרוואָס שוין ניט ביז צוואַנציק? ווער ווייס, אפשר האָבן אידן דעמאָלט אויף די פיס נאָך אַפילו ניט געהאַט קיין פינגער.

ניט נאָר אַמאָל, איידער די אידן זיינען אַוועק קיין מצרים, נאָר אויך שפּעטער, ווען זיי האָבן זיך שוין באַזעצט אין כנען, זיינען זיי געבליבן דיזעלבע באַרבאַרישע טויגעניכטסן און האָבן זיך אַלץ געמוזט לערנען ביי די כנענים. למשל, ערד־אַרבעט און בויען הייזער. שרייבט בעזפּראַזוואַני:

„ווען אַ כנעני האָט געלערנט אַ אידן ווי צו פירן דעם אַקער און ווי צו זייען און ווי צו דרעשן, האָט ער אים אודאי געמוזט זאָגן: קוק זיך צו און לערן זיך ווי דאָס פעלד דאַרף פאַרזייט ווערן, ווי די תבואה דאַרף מען שניידן; געדענק, פעלדער דאַרפן רעגן, און רעגן קומט פון הימל!" (ב. 1. ז. 53).

איר זעט, אַפילו דאָס האָט מען מיט דעם אידן געדאַרפט איינ־קנעלן: אַלע האָבן שוין דעמאָלט געוואוסט אַז רעגן קומט פון הימל, נאָר אידן ניט... און ווייטער:

„ער האָט אים אודאי אויך אַזוי געמוזט געבן צו פאַרשטיין: אַקערן, זייען, שניידן און דרעשן, דאָס אַלצדינג איז נויטיק צו טאָן און אָן דעם קען מען זיך גאָרניט באַגיין, אויב מען וויל תבואה זאָל וואַקסן. אָבער דאָס אַליין איז ניט גענוג, מען באַדאַרף אויך ברענגען מתנות צו בעל..." (דאָרט).

אויך רעליגיעזן חוש האָט דער כנעני געדאַרפט לערנען דעם אידן... דאָס אייגענע איז אויך געווען מיט בויען הייזער. אונזער היסטאָריקער שרייבט:

„נאָכדעם ווי די אידן האָבן אויפגעגעבן דאָס וואַנדער-לעבן און זיי האָבן זיך באַזעצט אין שטעט — „וואָס ניט זיי האָבן געבויט" — איז פאַר זיי אויפגעקומען די נויטווענדיקייט אויסצולערנען זיך און אַנטוויקלען די קונסט פון בויען. ווי אין אַ סך אַנדערע פאַלן זיינען אויך אין דעם פאַל די אידן נאָכגעגאַנגען די כנענים" (ב. 1, ז. 136).

באַרעכנט נאָר: אידן וואָס האָבן אין מצרים געבויט פיתם און רעמסס, האָבן אין כנען זיך ערשט געמוזט לערנען דעם אלף־בית פון בויען. דער אַלטער דור איז טאַקע אויסגעשטאָרבן אין מדבר, אָבער עפּעס האָט נאָך פונדעסטוועגן געמוזט בלייבן אין זכרון פון פאָלק...

היינט ווי געפעלט אייך דאָס זאַגעלע: און זיי האָבן זיך באַזעצט אין שטעט, „וואָס ניט זיי האָבן געבויט"... דוכט זיך א „כשר" זאַגעלע, אָבער וויפיל טרפות ס'ליגט אין דעם...

דאָס איז אָבער נאָך ניט אַלץ. ער איז מוסיף נאָך. אויף זייטל 35, ריידנדיק וועגן דעם נאָמען „עברים" זאָגט ער אַז די אַרומיקע פעלקער האָבן גערופן די אידן „האַבירו", וואָס דאָס מיינט עברים, די מענשן וואָס קומען פון עבר הירדן. דאָס איז ריכטיק. דאָס שטימט מיטן חומש. אָבער דערנאָך גיט ער צו: „עס קען אויך זיין, אז האַבירו באַטייט בכלל מענשן וואָס פאַלן אָן און ראַבירן".

ווי איר זעט, איז ער ניט זיכער, אָבער „עס קען זיין" אַז די אידן זיינען גאָר אַמאָל געווען רויבער...

האָט שוין, הייסט עס, בעזפראַזוואַני'ס תלמיד אַ באַגריף וועגן אידן ווי וועגן אומוויסנדיקע באַרבאַרן און רויבער.

דערווייל האָט אונזער מחבר צעריבן צווישן די פינגער אַברהמ'ען. ניטאָ קיין אברהם יצחק ויעקב אין זיין „אידן אַמאָל און היינט"! אַפנים עס שטייט אים ניט אָן דער יחוס.

עס דויערט ניט לאַנג און מיר קומען אָן צו משה'ן. אוי, איז דאָס אַ משה! מ'זאָל עס זען אויף שונאים. ער האָט טאַקע אַרויס־געפירט די אידן פון דער שקלאַפעריי פון ליים און ציגל, אָבער אַ וואַקינג דעלעגאַטל פון דער בריקלעיערס יוניאָן איז אַ פּרינץ קעגן משה'ן.

אפשר מיינט איר אַז משה האָט די אידן געגעבן אַ תורה? ווייס איך וואָס, אַזוי ווי ס'איז ניטאָ קיין אַברהם ביי אונזער מחבר אַזוי איז ניטאָ קיין סיני און ניטאָ קיין סימן פון קיין תורה. פאַרקערט, ער חוזק'ט גאָר דערפון וואָס מען האָט די תורה צוגעשריבן צו משה'ן. ער שרייבט:

„במשך פון הונדערטער יאָרן איז משה ביי אידן אַזוי באַליבט געוואָרן אַז זיי האָבן אים אָנגערופן משה רבינו, דאָס הייסט משה אונזער לערער, משה אונזער פירער. אַלע גוטע געזעצן, אָדער דאָס וואָס מ'האָט אין יעדן דור געמיינט אַז ס'איז גוט, האָט מען צוגעשריבן צו דעם קלוגן משה'ן. שוין מיט אַזוי פיל הונדערטער יאָרן צוריק האָט אונז משה דאָס געלערנט צו טאָן — אַזוי האָט מען זיך דערציילט — אלא וואָס מען האָט עס ניט געטאָן, איז דאָס געווען בלויז דערפאַר ווייל מענשן האָבן פאַרגעסן, אָדער זיי זיינען געווען שלעכט און פאַרדאָרבן". (זייט 26).

ווי געפעלט אייך עפעס אַ פאָרטרעט פון משה'ן און מתן־תורה? און אָט איז נאָך אַביסל „תורה":

„משה'ן האָט זיך איינגעגעבן די האַלב-דערשלאָגענע קנעכט אַרויסצופירן אין מדבר און מיט די בייטשן פון הונגער, דאָרשט און שרעק דערוועקן ביי זיי מוט און העלדישקייט" (ז. 26).

אָט ווי אַזוי משה האָט אויסגעפורעמט דאָס פאָלק ישראל! מיט בייטשן, מיט הונגער, מיט שרעק... אַן אמת'ער דיקטאַטאָר, אַ פאַר־צייטיקער סטאַלין.

משה, דער צאַרטער פאַסטוך וואָס טראָגט דאָס מידע שעפעלע אויף די הענט...

איז שוין משה אויך פאַרטיק. נאָר מיר ווילט זיך אונזער מחבר פרעגן אַ נאַרישקייט: טאָמער, זאָל די שעה ניט זיין, און דיינער אַ תלמיד ווערט קראַנק ווערן און ווערט אָנקומען אין מאָונט סאַינאַי האָספּיטאַל און ווערט זיך חידוש'ן פונוואַנען אַזאַ מאָדנער נאָמען „סאַינאַי"?

לאָמיר האָפן, אַז דאָרט ווערט זיין אַ גוי'שע קראַנקנשוועסטער, ווערט זי עס אים דערקלערן.

ווען מען נעמט זיך אַזוי פיל מי צו שילדערן די אידן אין די „פאַרהיסטאָרישע" צייטן האָט מען זיך געמעגט אַביסעלע פאַרהאַלטן ביי אברהם, יצחק און יעקב אויך, און ביי משה'ן און ביים באַרג סיני.

דריי פּאַראַגראַפן, דריי געצייטלטע פּאַראַגראַפן, שוין מיטן חוזק, גיט אָפּ אונזער מחבר צו משה׳ן. דערפאַר אָבער אַז איך וואַרף זיך אַריבער צום סוף פון צווייטן באַנד געפין איך דאָרט פולע דרייצן קאָמפּאַקטע זייטן וועגן יעזוס׳ן. און מיט וואָס פאַראַ פרומקייט יעזוס ווערט דאָרט געשילדערט און מיט וואָס פאַראַ געגויאיקייט זיין תורה ווערט איבערגעגעבן! יעזוס דער לערער, יעזוס דער פירער, יעזוס דער פאָלקס־פריינט, יעזוס דער רעוואָלוציאָנער, יעזוס דער מאַר־טירער, יעזוס דער משיח — כאַטש נעם און פאַרקאַטשע די פּאָלעס און לויף אין קלויסטער אַריין! איך זאָג עס מיט דער פולסטער אחריות: קיין איין פיגור אין דער גאַנצער אידישער געשיכטע ווערט פון אים ניט געשילדערט מיט אַזאַ אויספירלאכקייט, מיט אַזאַ האַרציגקייט, מיט אַזאַ „נאָבעלן״ פּאַטאָס ווי די יעזוס־פיגור. אפילו יעזוס׳עס מופתים נעמט בעזפּראַזוואַני אָן. דעמדאַזיקן שע־דעוועד פון אונזער מחבר דאַרף מען איבערגעבן געטרייער:

„יאָרן האָט ישו פאַרבראַכט וואַנדערנדיק און פרײדיגנדיק. עס פלעגן צו אים קומען צעבראָכענע, אומגליקלאַכע, פאַרשטויסענע פון לעבן. זייער פיל פלעגן קומען קראַנקע, קרומע, לאַמע, הינקענדיקע, בלינדע און שטומע. זיי פלעגן קומען צום שטילן ישו און אַוועקגיין מיט אַ היילונג, געהאָלפענע. ניט זעלטן פלעגן בלינדע (ווי וואונדערלאַך דאָס זאָל ניט קלינגען אין אונזער ניכ־טערער צייט) צוריק דערזען די ליכטיקע וועלט, קרומע פלעגן אויסגעגליכן ווערן, און מענשן וואָס האָבן זיך יאָרנלאַנג פון אָרט ניט געקענט רירן, פלעגן נעמען גיין״.

נו, ווי געפעלט עס אייך, אידישע ראַדיקאַלן? ווי געפעלט עס אייך, גרינדער און טוער און עלטערן פון קינדער פון די אידיש־וועלטלאכע שולן? צי דערויף האָט מען עס ביי אונז די אַלע יאָרן געפריידיקט „פרייען גייסט״ און אַרונטערגעריסן אידישקייט, כדי צו מאַכן אַ וועג פאַר דער אמונה אין יעזוס׳ן?

איך רייד שוין ניט וועגן דער שיטה בכלל אריינצונעמען יעזוס׳ן אין אַ אידישער געשיכטע פאַר קינדער. און פאַראַן, ווי באַוואוסט, אַ סך קריסטלאכע געלערנטע וואָס האַלטן אַז יעזוס איז בכלל לא היה ולא נברא, און מ׳וואָלט געמעגט דערוואַרטן אַז אַ אידישער סאָציאַליסט זאָל ליבערשט פון אַלץ אָננעמען דידאַזיקע טעאָריע און פּטור. אָבער ניין. בעזפּראַזוואַני, אַ איד, אַ סאָציאַליסט און אַ

לערער פון אידישע קינדער נ ע מ ט א ז יעזוס'ן, און דוקא מיט קריסטלאכע קליפערלאך.

דער „גוי'אישער גאָט", ווי איר זעט, ווערט אָנגענומען „אין פולן פּראַכט און גלאַנץ", אָבער דער אידישער גאָט ווערט אין בעז־פּראַזוואַני'ס בוך באַ'חוזק'ט ווי דער נידעריקסטער געץ. דער גאָט וואָס שוין אין דער ערשטער פּרשה פון בראשית האָט באַשאַפן הימל און ערד און אַלץ וואָס אין זיי; דער גאָט וואָס אברהם, ביי דער מעשה סדום, האָט געזאָגט וועגן אים „השופט כל הארץ לא יעשה משפט", ער איז ביי בעזפּראַזוואַני'ן געוועזן אַ „מדבר־גאָט", אַ „וואַנ־דער־גאָט" וואָס האָט געוואוינט „אין אַ גרויסן קאַסטן וואָס איז גע־שטאַנען אין אַ געצעלט". דערנאָך אַז ער איז גרעסער און רייכער געוואָרן האָט ער זיך אַריבערגעצויגן אין אַ גרעסערן פּלאַץ, ווי עס איז די מאָדע ביי אַלע אויפגעקומענע גבירים: געמופּט, הייסט עס, אין גרעסערע רומס... שרייבט בעזפּראַזוואַני:

„דער גאָט פון מדבר וואָס האָט פריער געוואוינט אין אַן אָרימען קאַסטן האָט זיך אַריינגעקליבן אין אַ שיינעם פּאַלאַץ, אין בית־המקדש, באַפּוצט מיט טייערן האָלץ און באַצירט מיט גאָלד" — אַזאַ אויסברענגער! און וואָס פאַרא עקספּלואַטאַטאָר און פרע־סער ער איז געוועזן! „צענדליקער קעלבער און אָקסן — שרייבט ב. — פּלעגט מען פון זיינעטוועגן פאַרברענען ווען הונדערטע פּוי־ערים האָבן קיין ברויט ניט געהאַט".

מיט אַזעלכע און ענלאכע אויסדריקן זוכט בעזפּראַזוואַני איינ־צופּלאַנצן ביי זיינע תלמידים דעם געדאַנק אַז דער אידישער גאָט איז לכתחילה געוועזן אַ געץ ווי אַלע געצן, אין עצם באַגריף אַ געץ. ערשט „אין די ווייטערדיקע יאָרהונדערטן האָבן זיך אידן גענומען פאָרשטעלן אַז י.ה.ו.ה. איז ניט בלויז דער גאָט פון אידישן פאָלק, נאָר אַז ער איז אויך דער באַשאַפער פון דער וועלט און במילא דער גאָט פון אַלע פעלקער" (ב. 1, ז. 52). ניט ביי אברהם, יצחק און יעקב, און ניט ביי משה'ן, נאָר „אין די ווייטערדיקע יאָרהונ־דערטן". ווען אַשטייגער?

ביז די ווייטערדיקע יאָרהונדערטן איז גאָט ביי אידן געוועזן אַזוי ווי בעל ביי די כנענים, למשל. „די אַלע פעלקער וואָס האָבן

געוואוינט אויף זייער אייגן לאַנד און האָבן שוין פאַרוואָרפן דעם וואַנדער־שטייגער פון לעבן, האָבן זיך פאַרגעשטעלט אַז אויך די געטער, פונקט ווי די מענשן, זיינען צוגעבונדן צו דער ערד". און „י.ה.ו.ה. איז געווען אַ וואַנדער־גאָט פונקט ווי זיין פאָלק, די בני ישראל זיינען געווען וואַנדערער" (ב. 1, ז. 51). „דער בעל, אַזוי האָבן זיי (די כנענים) זיך פאַרגעשטעלט, וואוינט אין אַ גרויסן בוים, אָדער אין אַ שטיין, אין אַ טייך אָדער אין אַ וואַסערקוואַל" (ז. 53), און אַזוי ווי ביי די כנענים אַזוי איז עס אויך געווען ביי די אידן: די אידן, די מדבר־מענשן, האָבן זיך פאַרגעשטעלט אַז „י.ה.ו.ה. וואוינט אין די וואָלקנס, אָדער אויפ׳ן שפּיץ פון פייערשפּייענדיקן באַרג, ער גייט אין אַ זייל פון רויך און פייער" (ז. 51).

און די שפּורן פון יענעם אַלטן געצנדינסט געפינט בעזפראַז־וואַני ביי די אידן אפילו נאָך היינט!

„ביי די ערד־אַרבעטער — שרייבט ער — איז די זון אַ גוטער גאָט... זי העלפט דעם פויער. ביי די וואַנדערער, ביי די פאַסטוכער, פאַרקערט, איז... די לבנה אַ גוטער גאָט, זי שיינט ביינאַכט ווען אַלץ אַרום איז פינסטער... פאַרוואָס זאָלן זיי ניט דאַנקבאַר זיין דער לבנה? ווען די וואַנדערער אין מדבר פלעגן דערזען די פולע לבנה איז זייער פרייד געווען אַזוי גרויס, אַז זיי פלעגן אָנהויבן צו טאַנצן און זינגען. דער מנהג צו באַגעגענען די פולע לבנה מיט פרייד האָט זיך ביז היינטיקן טאָג אויפגעהאַלטן צווישן די פרומע אידן (ב. 1, ז. 49).

מ׳דאַרף זיין אַ בור דאוריתא צוזאַמענצובינדן דעם קידוש־לבנה מיט׳ן פאַרצייטיקן לבנה׳דיקן געצנדינסט, און מ׳דאַרף זיין אַ מומר להכעיס פאַרצושטעלן די פרומע אידן ווי היינטיקע, נאָך פאַרבליבענע געצנדינער.

ס׳איז גענוג נאָר אַריינצוקוקן אין דער תפילה פון קידוש־לבנה כדי צו זען דעם פאַרברעכערישן אומזין אַזוי צו פאַרפירן אידישע קינדער. די תפילה הויבט זיך אָן מיט אַ ברכה צו גאָט וואָס האָט „מיט זיין זאָג באַשאַפן די הימלען און אַלע קערפערשאַפטן אין זיי און האָט פעסטגעשטעלט געזעץ און צייט פאַר זיי אַז זיי זאָלן

ניט בייטן זייער איינגעשטעלטן צוועק". און צום סוף א געבעט אז גאָט זאָל פאַרריכטן די פּגימה פון דער לבנה. איז דאָס אַ גאָט — אַ „גאָט" מיט פגימות, אַ גאָט וואָס קען ניט בייטן זיין געזעץ און צייט ווי זי זיינען איינגעשטעלט געוואָרן פון זיין באַשעפער?

נאָר וואָס וועט אַן „אויפגעקלערטער" ניט טאָן כדי צו פאַר־מיאוס'ן אידישקייט?

דעם גאנצן מיאוס'ן גייסט פון דעם מיאוס'ן בוך וואָלט מען געקענט איבערגעבן בלויז אין ציטאַטן פון אים וועגן דעם בית־המקדש. אָט איז איינע:

„דער בית המקדש איז געווען ניט בלויז אַן אָרט פון ברענגען קרבנות, ער האָט אויך דערפילט די פונקציעס וואָס עס האָט אין אונזער צייט אַ באַנק".

לויט דעם באַנק־נוסח פון אונזער צייט האָט ער אודאי געמוזט הייסן: „בית־המקדש בענק ענד טראָסט קאָמפּאַני"...

אין אַן אַנדער שטעל וועגן בית־המקדש זאָגט ער:

„דאָס היוליקטום איז ניט נאָר געווען אַן אָרט וואו דאָס פאָלק פלעגט קומען ברענגען קרבנות צו גאָט. אין בית־המקדש פלעגן אויך אָפּגעהאַלטן ווערן פאָלקס־פאַרזאַמלונגען. דאָס היוליקטום איז אויך געווען אין אַ געוויסן זין אַ באַנק. אלנפאַלס פלעגן דאָרט אויפגעהיט ווערן די געלטער פון אַלמנות און יתומים. ביים אַריינגאַנג אין בית־המקדש פלעגט דאָס פאָלק איבערלאָזן מתנות און געלט פאַרן היוליקטום".

דידאַקטיק ציטאַטע ווייזט ווי אַזוי דער בית־המקדש האָט געהאַט זיינע הכנסות. אָבער דאָ באַנוצט ער ווידער די באַצייכענונג „באַנק".

היינט אויב אַ תלמיד מובהק פון דעם בוך זאָל אַמאָל, על פי טעות, תשעה באב אַריינפאַלן אין אַ שול און דערזען ווי אידן אין זאָקן זיצן און קלאָגן אויף חורבן בית־המקדש וועט ער טראַכטן: ווילדע אידן! טאָמער איז מיט צוויי טויזנט יאָר צוריק ביי זיי אונ־טערגעגאַנגען אַ באַנק קלאָגן זיי נאָך היינט... ניט אומזיסט זאָגט מען אַז דער אידישער גאָט איז געלט.

און פון די זאָקן וועט ער זיך אודאי דערמאָנען אַן די ערשטע באָרוויסע אידן...

און שטענדיק ווען בעזפּראַזוואַני'ס אַ תלמיד וועט פאַרבייגיין

אַ באַנק וועט אים קומען אין זינען דער בית־המקדש... און אויב אַ באַנק איז דער בית־המקדש, זיינען דאָך די באַנקירן כהנים. און דער פּרעזידענט פון אַ באַנק איז אַ כהן־גדול. און דזשאָהן פּירפּאָנט מאָרגאַן איז דער כהן הגדול הגבור והנורא...

און ניט נאָר שטעלט ער אַרויס דעם בית־המקדש ווי אַ באַנק, נאָר אויך ווי אַ מין ריעל־עסטייט פירמע און אַ האַנדל־בירזשע. עפּעס אַ מין ספּעציעלע שנאה ווייזט ער אַרויס צום בית־המקדש. איך גיב דאָ זיין שילדערונג פון דעם בית־המקדש (זייטן 2—161, ב. 2), אַרויסגענומען פון דעם קאַפּיטל וועגן יעזוסן:

„ס'האָט זיך דערנענטערט דער יום-טוב פּסח. אַ גרויסער עולם אידן האָט זיך געקליבן פון אַלע עקן לאַנד, עולי-רגל געווען צום בית-המקדש.

„קיין ירושלים איז אויך אָנגעקומען די כאַפּטע פישערלייט און גלוי-ביקע, נאָכגעבלאָנקעט דעם משיח פון גליל (יעזוסן).

„אין דער אַלטער הייליקער שטאָט האָבן די פרומע געפונען נאַרעריי און געלעכטער און שפּאָט. אַ שטאָט וואָס לעבט פונם ציטער און פון דער ליבע וואָס אַ פאָלק טראָגט צום לאַנד, וואָס איז געהייליקט געוואָרן דורך יאָרן פון גלויבן און לײדן. פון נאָענט און פון ווייט — אידן רייסן אָפּ ס'לעצטע, שיקן מתנות, קומען ווער עס קען נאָר אַליין, צום יום-טוב פון באַפרייאונג, צום יום-טוב פּסח (אין שווערע טעג פון ליידן האָט דער טרוים פון באַפרייאונג נאָך העלער אויפגעפלאַקערט, געוועקט, געמינטערט) — נאָר ירושלים פירט הייליקן מסחר, שעפּט רייכטום און זאַמלט גאָלד.

„די לייט פון גליל (ד. ה. יעזוסעס לייט—ח. ל.) האָבן אין בית-המקדש דערזעען דעם טומל, דעם האַנדל און וואַנדל... די ליבשאַפט און דעם גלויבן פון די עולי-רגל'ניקעס האָבן די ירושלים'ער אויף געלט געמינצט.

„די כאַפּטע פרעמדע, פּשוט'ע פויערים האָט אָנגעמאַכט אַ גערודער אין הויף פון בית-המקדש. ישו האָט אומגעוואָרפן די טישלאך וואו אידן האָבן געביטן געלט, געדרונגען זיך, געפילדערט".

אָט דאָס איז אויך, ביי אונזער מחבר, אַ שילדערונג פונם בית־המקדש און פון גאַנץ ירושלים און איר אידנשאַפט. די איינציקע פיינע לייט זיינען דאָ יעזוס און זיינע מענטשן.

אָט אויפן סמך פון דערדאָזיקער שטעל זאָג איך עס, אַז ניט נאָר איז ביי אונזער היסטאָריקער דער בית־המקדש אַ באַנק, נאָר אויך אַ האַנדלס־בירזשע.

עס זיינען דאָ אַ סך זאַכן אין וועלכע די פיר ספרים פון דער עוואַנגעליע שטימען ניט, נאָר אין איין וויכטיקער זאַך שטימען זיי אַלע, און דאָס איז אין דעם טייל וואָס די כהנים און דער בית־המקדש האָבן געהאַט אין דעם אַרעסט פון יעזוס׳ן און אין זיין איבערגעבונג צו די רוימער פאַר דער קרייציקונג. די עוואַנגעליע דאַרף עס האָבן, ערשטנס, צוליב אַנטי־סעמיטיזם, צווייטנס, ווי אַ יסוד פאַר זייער דאָגמע, ספּעציעל ביי די קאַטויליקן, אַז דער בית־הקמדש האָט צוליב זיינע זינד געדאַרפט חרוב ווערן, און די קירכע האָט אויף אייביק פאַרנומען זיין אָרט. און דאָס אויך נעמט בעזראַפּזוואַני אַן מיט ביידע הענט. אַט ווי אַזוי ער שילדערט יעזוס׳עס אַרעסט:

„פּלוצלינג האָט ישו דערהערט טריט. מענשן האָבן זיך דערנענטערט. ס׳איז באַלד ליכטיק געוואָרן אין דער פינסטערניש פון דער נאַכט. מענשן מיט ברענענדיקע פאַקעלן, וועכטער מיט שטעקנס און שווערדן, היטער פון בית-המקדש, געשיקט פון די רייכע כהנים, די ווערקצייג פון די פּראָקוראַטאָרן" (באַנד 2, זייט 166).

פונקט ווי אין דער עוואַנגעליע.

און איצט נאָך אַ וואָרט וועגן דעם בית־המקדש אַלס ריעל־עסטייט פירמע.

אויף זייט 210, ב. 1, דאָרט וואו בעזפּראַזוואַני רעדט וועגן בית־המקדש ווי וועגן אַ באַנק, גיט ער צו:

„דערעיקרישט אָבער זיינען די כהנים געווען לאַנד-אייגנטימער, כאָטש זייער רייכקייט איז געקומען אויך פון אַנדערע קוועלן".

„נאָך אַלעמען האָבן די כהנים געצויגן זייער חשיבות פון דריי קוואַלן: ערד-פאַרמעגן און שטייערן פון פאָלק, גרעסערע קענטעניש און וויסן, די מאַכט פון גלויבן מיט וועלכן זיי האָבן רעגירט איבער די מוחות פון די פאָלקס-מאַסן". (ז. 211).

וואו אונזער מחבר פאַקט אַ כהן מאַכט ער אים פאַר אַ ריעל־עסטייטניק.

און ער האָט גאָר פאַרגעסן אַז די תורה האָט פאַרבאָטן די כהנים צו האָבן ערד!

די תורה זאָגט אַן: לא יהיה לכהנים וללוים חלק ונחלה בתוך בני ישראל ה׳ הוא נחלתם...

זיי האָבן נאָר געהאַט די קליינע מגרשים, ווי די לוים אין די לוישע שטעט.

אמת, די כהנים האָבן געהאַט רייכטימער, אָבער אין געלט, ניט אין גרויסע ערד־גיטער.

אַרום און אַרום קומט ביי בעזפּראַזוואַני׳ן אויס אז די כהנים — דאָס זיינען געווען די אידישע פּריצים. און דאָס ניט נאָר אין די צייטן ווען די כהונה איז קאָרופּטירט געוואָרן דורך די גריכישע, און שפּעטער דורך די רוימישע איבערהערשער, נאָר דורך דער גאַנצער אידישער געשיכטע.

לאָמיר נאָך ענדיקן דעם ענין בית־המקדש מיט פאָלגענדער ציטאַטע פון ב. 2, ז. 2—51:

„וויבאַלד האָט אויך געבראַכט דער בית-המקדש וואָס איז אין ירושלים צוריק אויפגעבויט געוואָרן. די האַפנונגען וואָס מ׳האָט אויף אים געלייגט זיינען פון אַנהויב געווען זייער גרויסע, אָבער אויסגעלאָזט האָט זיך נאָר אַ גרעסערע לאַסט אויפן פאָלק".

אַ לאַסט איז דער בית־המקדש געווען ביים סאַמע אַנהויב, אַ לאַסט ביזן סוף...

ווען מען דערמאָנט זיך וואָס דער בית־המקדש איז געווען אין דער אידישער פאַנטאַזיע במשך פון צוויי טויזנט יאָר גלות; ווען מען דערמאָנט זיך וואָס דער בית־המקדש איז אין תלמוד, אין אַלע אידישע ליטעראַטורן, אין אונזער פאָלקלאָר, און מ׳זעט ווי ער קומט אַרויס אין בעזפּראַזוואַני׳ס ביכער, דאַן ווערט קלאָר וואָס איך זאָג, אַז זיין כוונה איז נאָר מבטל צו זיין און אַרונטעררייסן. אזוי מיט פּערזאָנען און אַזוי מיט אינסטיטוציעס. וואו איז די שיינע זייט פון בית־המקדש? זיין קדושה, זיין מיסטיק, זיין ראָל ווי אַ סימבאָל פון דער גייסטיקייט און געטלאַכקייט ביי אידן?

בעזפּראַזוואַני׳ס בוך דאַרף מען משפּט׳ן ניט נאָר לויט דעם וואָס עס אַנטהאַלט, נאָר אויך לויט דעם וואָס עס האָט אויסגעלאָזט. אַזוי, למשל, ריידנדיק וועגן שמואל הנביא, דערמאָנט ער ניט מיט קיין וואָרט שמואל׳ס אומשטערבלאַכע פאַרדאַמונג פון קעניג און קענגטום, אַן אייביקער מאָנומענט פון פרייהייט! אין דער געשיכטע פון פריי־

הייטס־קאַמפן אין אַלע צייטן האָט יענע רעדע געשפּילט אַ הערלאַכע ראָלע. אידישע שונאים, אויפן סמך פון יענער רעדע, רופן אונז ביז היינטיקן טאָג געפערלאַכע אַנאַרכיסטן. וואָס זשע קען זיין די סיבה וואָס אַזאַ מאָדערנער רעוואָלוציאָנערער און פרייהייטס־גייסט ווי בעזפּראַזוואַני זאָל עס אויסלאָזן? איז אַזאַ זאַך אויך טריף? איך קען ניט געפינען קיין אַנדער תירוץ ווי נאָר דאָס: ווייל עס איז אין תנ״ך, און עס קען נאָך חלילה אַרויסשטעלן אידישקייט אין אַ צו שיינעם ליכט.

דערפאַר טאַקע שילדערט ער שמואל'ן ווי עפּעס אַ קליינינקן, ביליקן זנאַכערל־אינטריגאַנטל.

אַז מיר האַלטן שוין ביי שמואל'ן האַלטן מיר שוין, פאַרשטייט זיך, ביי די ערשטע אידישע מלכים. דוד איז ביי אים גאָרניט אוי־סער אַן אָנפירער פון אַ באַנדע רויבער, וואָס איז גרייט געווען צו העלפן די פלשתים מלחמה האַלטן קעגן די אידן נאָר די פלשתים האָבן מורא געהאַט אים צו טרויען. וועגן שלמה'ן, וועלכער האָט געבויט שטעט און פּאַלאַצן און דעם בית־המקדש (די באַנק) זאָגט ער: „די נייע שווערע אַרבייטן האָבן פאַרביטערט דאָס לעבן באַלד אַזוי ווי ביי פּרעה'ן אין מצרים״.

נו, האָט זיך געלוינט אַרויסצוגיין פון מצרים?

אַגב, אַז שלמה איז געווען אַ חכם דערציילט גאָרניט בעז־פּראַזוואַני. מסתמא האַלט ער זיך אַליין פאַר קליגער. ער דערציילט אויך ניט אַז דוד און שלמה זיינען געווען שטיקלאַך „ליטעראַטן״, אַז דוד האָט געהאַט עפּעס צו טאָן מיטן תהלים, און שלמה מיט שיר השירים, משלי, און קהלת: איינהאָרנ'ס ביבל־קריטיקער הייסן ניט...

דוד'ן גיט ער אַזוי אַ באַשרייב: „דוד האָט געשאָכטן אָן רחמנות. יונג און אַלט, פרויען און קינדער. קיין געפאַנגענע פלעגט ער ניט נעמען, נאָר אַלעמען אויסהרגענען, קיין זכר זאָל ניט בלייבן״. פון קיין שענערן דוד'ן ווייס ער ניט. אויך ניט פון קיין שענערן שלמה.

עס איז די גלאָריע פון דעם תנ״ך וואָס ער האָט ניט פאַרבאָרגן קיין חסרונות און האָט ניט אידעאַליזירט אַפילו די גרעסטע פיגורן

זיינע. אפילו משה האָט געהאַט חסרונות. און פונקט אַזוי איז עס די אומגלאַריע פון בעזפראַזוואַני׳ס געשיכטע וואָס פאַרשווייגט די מעלות פון די גרויסע אידישע פיגורן.

באַזונדערס קלאָר ווייזט זיך עס אַרויס ביי שלמה׳ן. ניט פאַר־דעקנדיק שלמה׳ס חסרונות שילדערט אים דער תנ״ך ווי איינעם פון די העכסטע שפיצן צווישן די פיגורן פון דער אַלטער אידישער געשיכטע. אין אים האָט די אידישע מלוכה דערגרייכט איר העכסטן גלאַנץ. ער האָט אויסגעבויט דעם בית־המקדש וואָס ער האָט געווידמעט פאַר אַ געבעט־הויז פון אַלע פעלקער און מתפלל געווען אַז אויך די תפלות פון פרעמדע זאָל גאָט פאַרנעמען. ער איז געווען דער גרויסער חכם, דער דיכטער פון שיר־השירים, משלי, קהלת. דאַרף איך דערציילן וואָס שלמה המלך איז אין אידישן פאָלקלאָר? אין דער גאַנצער וועלט איז ער דער סימבאָל פון חכמה. נאָר ביי בעז־פראַזוואַני׳ן איז ער אַ טיראַן, אַ רשע מרושע און גלאַט אַן אַפּגעריי־סענער נאַר:

פאַרכאַפּט פון לוקסוס, פאַר׳שכור׳ט פון מאַכט, האָט שלמה ניט אָנגע־הויבן צו פאַרשטיין, אַז צונויפצושמעלצן באַזונדערע שבטים, וואָס יע־דערער פון זיי איז פול מיט קנאה איינער אויפן אַנדערן, דאַרף נעמען דורות. שלמה, דער גערימטער חכם, האָט באמת אַרויסגעוויזן זייער ווייניק פאַרשטענדעניש אין פירן דאָס לאַנד. (ב. 1, ז. 275).

ער דערקלערט שלמה׳ן ממש פאַר אַ שונא ישראל. ער שרייבט:

אויסער שווערע שטייערן אויף ברויט און אייל האָט שלמה אויך איינגעפירט געצוואונגענע אַרבעט... וואָס האָט דעם פויער געטויגט די מלוכה, ווען ער ,דער איינציקער, האָט גערדאַרפט שלעפּן דעם יאָך?... די פויערים האָבן איצט דערשפּירט אַן איגווייניקסטן שונא, וואָס איז געווען ערגער פאַרן פרעמדן, וואָרים די פויערים האָבן זיך קעגן אים גאָר קיין עצה ניט געקענט געבן.

אָט איז נאָך וואָס ער שרייבט: „שלמה האָט צום פעניצישן קעניג אָפּגעגעבן פיר און צוואַנציק שטעטלאַך. ס׳מאַכט ניט אויס וואָס אין די שטעט האָבן געוואוינט אידן. וועגן דעם האָט זיך שלמה זייער ווייניק געקימערט״ (ב. 1, ז. 112).

פאַרגלייכט בעזפראַזוואַני׳ס שילדערונג פון שלמה המלך מיט דער שילדערונג אין תנ״ך (דברי הימים) און איר וועט זען ווי אונ־

זער מחבר מאַכט חזק, נאָר איך ווייס ניט פון וועמען ער חוזק'ט מער: פון שלמה'ן, פון דעם תנ"ך אָדער גאָר פון אונז.

די גמרא זאָגט, אַז אויב אַ אידישער קעניג און אַ תלמיד־חכם פאַלן אַריין אין געפאַנגענשאַפט, און מען קען אויסלייזן נאָר איינעם פון די צוויי, איז מען מחויב בילכער אויסצולייזן דעם תלמיד־חכם ווי דעם קעניג. ווייל אַ קעניג קען יעדער איד זיין, און דעם תלמיד־חכם דאַרף מען נויטיקער, צו פאַרשפּרייטן די תורה. היינט שטעלט אייך פאָר ווען שלמה המלך און בעזפּראַזוואַני זאָלן גענומען ווערן געפאַנגען און מיר וואָלטן געדאַרפט אויסלייזן בעזפּראַזוואַני'ן און לאָזן שלמה'ן אין גוי'עשע הענט, וויפיל מיר וואָלטן עס געוואונען!...

איצט לאָמיר צוריקגיין צו די נביאים.

די שפּעטערדיקע נביאים האָבן שוין ביי אונזער מחבר אַ בעסערן מזל ווי שמואל, פונדעסטוועגן גיט ער זיך אַ זאָג וועגן ירמיה הנביא אַזוי:

„ירמיהו איז געגאַנגען איבער די גאַסן אַ פאַרציטערטער. נאָר אומרעכט און פאַרברעכן, נאָר ליגן און פאַלשקייט, מער האָט ער ניט געזען. פריער האָט ער געמיינט אַז דאָס איז אפשר בלויז צווישן פּראָסטן, געמיינעם פאָלק: דאָס זיינען בלויז די אָרימע — האָט ער געטראַכט, זיי זיינען נאַריש. אין אים האָט נאָך געלעבט דער כהן, וואָס נאַרישקייט און אָרימקייט זיינען ביי אים איינס".

אָבער בעזפּראַזוואַני איז שוין קליגער פון ירמיהו'ן, ער ווייס שוין בעסער.

דערווייל שטויסן מיר זיך אָן אַז בעזפּראַזוואַני אליין מוז זיין אַ לוי אָדער אַ ישראל.

נאָר צו לאַנג גוט צו אונז קען בעזפּראַזוואַני ניט זיין. ער פאַרגינט אונז ניט. פּלוצלינג טוט ער אונז אָפּ אויף טערקיש און גיט אַ דערקלער אַז ניט מיר אידן אַליין האָבן געהאַט נביאים, אַלע פעלקער האָבן זיי געהאַט! ס'איז געווען אַ מין נביאישער אינטערנאַציאָנאַל...

„די בני הנביאים — שרייבט ער — זיינען געווען ריגעס פון אַ וועלט-באַוועגונג. ניט נאָר אין ישראל און יהודה... די נביאישע פּראָטעסט-באַוועגונג איז געווען צעשפּרייט אין אַלע לענדער פון דער אַלטער וועלט..."

וואו, מר. בעזפּראַזוואַני? ווער זיינען זיי געוועזן, רופט זיי אָן ביי די נעמען! בלעם?

דערפאַר גיט אונז דער מחבר אַנדערע נביאים. אין די הונדערט יאָר נאָך עזרא און נחמיה זיינען אויפגעשטאַנען גאַנץ נייע נביאים וואָס —

„האָבן מער ניט געפּרוידיקט וועגן אַ צייט ווען מען וועט די שווערדן און די שפּיזן איבערשמידן אין אַקעראייזנס, נאָר פאַרקערט, ווען מען וועט די אַקעראייזנס איבערשמידן אין שפּיזן און שווערדן. דער אַלטער טרוים פון אַ משיח וואָס זאָל ברענגען גערעכטיקייט און פרייהייט פאַר אַלע מענשן איז פאַרביטן געוואָרן אויף אַ בענקשאַפט נאָך אַ מלחמה וואָס זאָל אין בלוט-פאַרגיסונג אומברענגען אַלע ניט-גלויביקע, וואָס ווילן ניט ברענגען קיין קרבנות דריי מאָל אַ יאָר קיין ירושלים. די אידן אַליין זיינען געבענשט, אַלע אַנדערע פעלקער זיינען פאַרשאָלטן. אַ פאַלשער און שעדלאַכער גלויבן האָט אַרומגעכאַפּט דאָס פאָלק".

איר האָט געהערט פון אַזעלכע נביאים? איך ניט. אָבער אונזער מחבר שטעלט אַריין יונה הנביא צווישן זיי. „דער העלד יונה — שרייבט ער — איז באמת איינער פון די נייע נביאים, אַ מענש וואָס דענקט אַז דער באַשעפער זאָרגט זיך נאָר וועגן די אידן". אַגב, דאָס איז דערזעלביקער יונה וואָס ביי איינהאָרנ'ען איז ער דער טרעגער דוקא פון „דעם אַנטי־נאַציאָנאַליסטישן און אַנטי־ציוניסטישן געדאַנק". אַפּנים אַז בעז און איינהאָרן האָבן געלערנט ביי צוויי באַזונדערע ביבל־קריטיקער.

אויך דאָ, ווי אומעטום, זעט איר ביי אונזער מחבר דעמזעלבן צוועק: פאַרקלענערן, פאַרמינערן. וואו ער געפינט אַ דימענט אין אונזער קרוין רייסט ער ארויס און שטעלט אריין אַ פּראָסטן שטיינדל.

צוגענומען ביי אונז די נביאים גייט בעז ווייטער און נעמט ביי אונז אויך צו דעם שבת. באשר בכן די באַבילאָנער האָבן אויך געהאַט אַ „שאַבאַטו" און ווען די אידן זיינען געוועזן אין גלות־בבל האָבן זיי דאָרט איבערגענומען זייערע שבת־זיטן און פון אונזער שבת איז געוואָרן אַ טרויער־טאָג.

„די באַבילאָנער האָבן אויך געהאַט אַ שאַבאַטו, אַ טאָג ווען מענשן איז פאַרווערט געווען צו טאָן אַלערליי אַרבעטן, ווען עס איז ניט מזל'דיק אָנצופאַנגען עפּעס אַ ניי געשעפט, ווען דער דאָקטאָר טאָר אפילו קיין

קראַנקן ניט היילן... דער באַבילאָנישער שאַבאַטו האָט געהאַט אַ גרויסע ווירקונג אויפן אידישן שבת. ער איז פון אַ פרייען טאָג, פון אַ פריילאַכן רו-טאָג, געוואָרן אַ טאָג פון „מען טאָר נישטן" און פון ערנסט" (ב. 2, ז. 57).

„דער טאָג שבת איז געוואָרן אַ שטרענגער טאָג, ווען דער איד האָט זיך ניט געטאָרט לאָזן וואוילגיין. ס'איז געוואָרן באַלד אַ טרויער-טאָג, ווען דער פרומער מוז זיך אָפּזאָגן פון אַ סך פאַרגעניגס און באַדערפעניש ן". (ב. 2, ז. 63).

נעבאך.

מערקט אייך, „טרויער־טעג" איז בעזפּראָזוואַני'ס אייגענער אויסדרוק. ניט מיין באַצייכענונג פון בעזפּראָזוואַני'ס געדאַנקען־גאַנג, נאָר זיין באַצייכענונג פונם שבת. מערקט אייך אויך, אַז דאָס רעדט ער שוין פון דעם איצטיקן שבת, ניט דעם אַמאָליקן, ווייל ער נוצט די קעגנוואָרט: „ווען דער פרומער איד מוז (איצט) זיך אָפּזאָגן" וכו'.

בעזפּראָזוואַני ווייזט זיך אַרויס פאַר אַ גאַנצן מר ברב אַשי אין הלכות שבת. ער שילדערט וואָס דער שבת איז געווען ביי אידן פריער, פאַר גלות־בבל און זאָגט:

„אין ארץ ישראל (פריער) איז געווען אַנדערש. שבת איז געווען אַ רו-טאָג, מען האָט ניט געאַרבעט, אָבער מען איז ניט געווען שטאַרק אָפּ-געהיט, מען פלעגט פאָרן צוגאַסט, מען פלעגט איינהאַנדלען וואָס מען האָט געדאַרפט אויפן מאַרק. ס'איז דאָך געווען אַ פרייער טאָג! דער פויער פלעגט אַפילו ברענגען אין שטאָט אַריין זיין גערשטן און זיין ווייץ אום שבת. ווען דען? ער האָט דען אַ סך פרייע צייט ווען ער קען אָוועקלייגן די אַרבעט אויפן פעלד און פאָרן אין שטאָט אַריין?"

מ'זעט ווי ביי אונזער מחבר גייט ממש אויס דאָס האַרץ נאָכ'ן אַמאָליקן, פאַר־בבלישן שבת, ווען מען האָט אי גערוט, אי אַלץ געטאָן... וואָס זיינען זיינע כוונות דערביי? זיי זיינען — אונ־טערצוגראָבן דעם שבת, סאַנקציאָנירן פאַר זיינע תלמידים דעם חלול שבת אויפן סמך דערפון וואָס דער גאָר אַלטער שבת איז געווען פרייער.

וואָרים דער שכל איז דאָך מחייב: אויב אין דעם אָריגינעלן אידישן שבת האָט מען אַלץ געמעגט, און נאָר דער באַבילאָנישער שבת איז געווען פול מיט „מען טאָר נישטן", טאָ וואָס זאָלן אידישן קינדער זיין: גוטע אידן אָדער גוטע באַבילאָנער?

כאָטש פון וואַנען ער האָט עס אַרויסגענומען אַז אין די אַמאָליקע „גליקלאַכע צייטן" האָבן אידן געמעגט אַלץ טאָן אום שבת, אפילו האַנדלען אין מאַרק, איז ניט פאַרשטענדלאַך.

דער סך־הכל פון אונזער היסטאָריקער'ס „תורה" וועגן שבת איז, אַז דער היינטיקער שבת איז ניט דער אמת אידישער שבת, נאָר דער בבל'שער שבת.

פונדעסטוועגן דערלאַנגט בעזפראַזוואַני דעם אידישן שבת אויך אַ שטיקל פינגער. ער זאָגט:

„דער נייער שבת האָט דעם אידן באַפרייט פון די טאָג-טעגלאַכע וואָרג. אַ שטרענגער רו-טאָג איז שבת געוואָרן, אָבער אויך אַ טאָג פון פאַרטיפונג... ביי די באַבילאָנער — שרעק, ביי די פאַרוואָגלטע אידן — ערנסט און פאַר־טיפונג, אַ צייכן אונטערצושטרייכן דאָס אייגנאַרטיקע לעבן פון פאָלק" (זייט 57).

אָבער דאָס איז ליידער אַ קאַנפע נחמה.

די אידן, זאָגט ער טאַקע, האָבן דעם באַבילאָנישן שבת פאַרטיפט. אָבער די אַלע ווערטער און אויסדרוקן וועגן דער „פאַרטיפונג" זיינען נאָר אומשרייבונג, באַפאַרבונג, אין דער קאַטעגאָריע פון שם־תאר. דער תוך, די באַזיס, דער קערן, דער שם־עצם בלייבט אַלץ „טרויער־טאָג".

מען קען אַ טויטן אָפּפאַרבן דאָס פנים און די ליפן און אויס־פוצן אין אַ באַל־קאָסטיום, און מען טוט עס טאַקע, און מאַכן אים אויסזען ממש ווי לעבעדיק, אָבער ער בלייבט אַלץ אַ מת.

די אידן האָבן דעם שבת פאַרטיפט, איז עס אַ טיפער טרויער־טאָג...

אַט שרייבט בעזפראַזוואַני אין זעלבן אָרט, ז. 63, אַז —

„די נייע תורה האָט פאַראומערט דאָס לעבן פון די אידישע פויערים און באַלמעלאָכעס, עס האָט אָבער דערהאַלטן ביים לעבן דעם קליינעם אידישן ישוב, וואָס וואָלט אפשר אַנדערש פאַרשלונגען געוואָרן צווישן די פיינטלאַכע פעלקער".

איז דאָ אויך די אייגענע מעשה. בעזפּראָזוואַני געפינט טאַקע אַ היסטאָרישן נוצן פאַר דער תורה, אָבער פאַרט קומט ביי אים אַרויס די תורה ווי עפּעס וואָס „פאַראומערט דאָס לעבן".

בייט די פּאָזיציעס פון די צוויי זאַצן און איר דערפילט עס גלייך. לייענט: די נייע תורה האָט דערהאַלטן ביים לעבן דעם קליינעם אידישן ישוב, אָבער זי האָט פאַראומערט דאָס לעבן פון די אידישע פּויערים און באַלמעלאָכעס.

די ביידע זאָגעכצן פון אונזער היסטאָריקער, סיי וועגן שבת, סיי וועגן דער תורה, ווייזן קלאָר זיין מיינונג וועגן אידנטום: ס'איז אַ רעליגיע פון אומעט און טרויער. מעג ער ווי שרייען אַז ער איז פאַרליבט אין די נביאים און אין אידישן פאָלק.

פון דעם תנ"ך ווערט ניט דערציילט אין בעז'ס צוויי בענדער „אידן אַמאָל און היינט". די משנה, דער תלמוד, ישיבות ווערן אַפילו ניט דערמאָנט. משה האָט קיין תורה ניט געגעבן. נאָר אַז עס קומט צום אַרונטעררייסן יאָוועט זיך ביי בעז'ן פּלוצלינג אַ תורה! פון וואַנען? פון וועמען? זי יאָוועט זיך ביי אים אין שייכות מיט עזרא'ן און נחמיה'ן. ווען עזרא האָט פאַרגעלייענט די תורה, שרייבט בעז אַז:

„דאָס פאָלק איז געשטאַנען אין ציטערניש און גלויביק געהאָרכט. מענשן האָבן געוויינט אויפן קול. די נייע (!) תורת איז געווען אַ שווערע תורה און האָט אָנגעוואָרפן אַן אימה, אַ שרעק אויפן פאָלק" (דערפאַר גאָר האָבן זיי געוויינט, ניט פון תשובה און חרטה ווי דער תנ"ך דערציילט!). „די נייע תורה האָט פאַראומערט דאָס לעבן פון די אידישע פּויערים און באַלמעלאָכעס".

דערפאַר, אידן, ניט געזאָרגט: ביי בעזפּראָזוואַני'ס תלמידים וועט די תורה שוין ניט פאַראומערן דאָס לעבן...

אַפילו די תורה, ווי באַוואוסט, דאַרף האָבן מזל, אָבער ביי בעזפּראָזוואַני'ן האָט זי נעבאך גאָר קיין מזל ניט. אין ערגעץ באַשרייבט ער ניט וואָס זי איז און ווי אַזוי זי איז געקומען צו אידן און ווי אַזוי איר קדושה איז אויסגעוואַקסן ביי אידן. פון דער גאַנצער תורה געפעלט אים אפנים נאָר דער ספר „דברים" וואָס דער קעניג

יאשיהו האָט געפונען בײַם איבערבויען דעם בית־המקדש. „דאָס איז געשען — שרייבט ער — ווען די בוי־אַרבעטער האָבן צורעכט־געמאַכט די ווענט אין בית־המקדש, האָט מען געפונען אַ וואונדער־לאַך בוך אין דער וואַנט אײַנגעמויערט".

זייער שיין, אַ וואונדערלאַך בוך. „אַז דאָס בוך איז טאַקע אַן אמת'דיק געזעץ־בוך — שרייבט ער ווייטער — וואָס משה האָט אים פאַרפאַסט נאָר דאָס פאָלק האָט אָן דעם פאַרגעסן, אין דעם האָט ער (דער קעניג) ניט געצווייפלט" (ב. 1, ז. 236). נאָר —

„היינט ווייסן מיר, אַז דאָס נייע געפונענע בוך איז קיינמאָל ניט געפונען געוואָרן — שרייבט אונזער מחבר ווייטער און קערט איבער די גאַנצע דאַיניצע — דאָס איז געווען אַ פאַרשווערונג פון די כהנים צוזאַמען מיט די נביאים, אָבער אַ גוטע פאַרשווערונג" (נו, דאַנקען גאָט כאָטש דערפאַר...). „דאָס וואָס מען האָט דאָס בוך צוגעשריבן משה'ן איז געווען דער נוסח, דער שטייגער, פון דער אַלטער צייט. אַלע גוטע געזעצן, האָט מען זיך פאָרגעשטעלט, שטאַמען פון משה'ן, דעם ערשטן גרויסן גע-זעצגעבער"... „די כהנים און די נביאים האָבן ניט געליגט ווען זיי האָבן געזאָגט, אַז דאָס בוך שטאַמט פון משה'ן, כאָטש זיי אַליין האָבן גוט געוואוסט, ווער דאָס בוך האָט געשריבן"... (243-4).

פון וואַנען „ווייסן מיר עס היינט" אַז די מעשה ווי אַזוי דער ספר איז געפונען געוואָרן, ווי דער תנ"ך דערציילט, איז ניט ריכ־טיק? בעזפראַזוואַני ווייס עס, פאַרשטייט זיך, פון דער ביבל־קריטיק. צווישן דעם תנ"ך און דער ביבל־קריטיק ווערט ער שטענ־דיק בעסער גלויבן דער ביבל־קריטיק.

דערווייל גיט עס בעזפראַזוואַני'ן אַ געלעגנהייט ארויסצושטעלן דעם ספר דברים קעגן די איבעריקע ספרים פון דער תורה. דאָרטן האָבן די געזעצן ניט געטויגט, און דאָ זיינען זיי בעסער: דער ספר דברים איז אַ תורה מיט „אימפּראָוומענטס"... (ז. 243־239).

דאָס וואָס אידן האָבן געזאָגט "תורת ה. תמימה" און „אין מוקדם ומאוחר בתורה" — דאָס גייט אים ניט אָן. די ביבל־קרי־טיקער האַלטן ניט דערפון...

שרייבנדיק וועגן דעם צוריקקער פון גלות־בבל גיט אונזער „היסטאָריקער" אַ פרעג:

„פאַרוואָס האָט די פערסישע מלוכה געהאָלפן עזרא'ן און נחמית'ן? פאַרוואָס איז די פערסישע מלוכה געווען פאַראינטערעסירט אַז אידן זאָלן דווקא לעבן אָפּגעשיידט פון אַלע אַרומיקע פעלקער, פאַרוואָס האָבן זיי געוואָלט אַז אידן זאָלן זיין פרום?

הערט! הערט! ניט די אידן אַליין האָבן געוואָלט זיין פרום און לעבן אָפּגעשיידט פון אַלע פעלקער, די פערסיער האָבן עס געוואָלט! און פאַרוואָס טאַקע? ווייל, זאָגט בעז:

„עס איז דעמאָלט געווען אַן אומרואיקע צייט פון אויפשטאַנדן אין דער גאַנצער אַלטער וועלט. די פעלקער האָבן זיך געבונטעוועט קעגן דער הערשאַפט פון פערסיע... איינהאַלטן פּאַלעסטינע איז געווען זייער וויכטיק. דאָס פאָלק וואָס לעבט אויף דער בריק צווישן לענדער (פּאַלעסטינע) דאַרף זיין געטריי, אָפּגעזונדערט, טאָר זיך ניט מישן מיט די פעלקער אַרום, ס'איז דעמאָלט פאַראַן ווייניקער געפאַר..."

נו, וועלן שוין אידן וויסן אַז אויב מיר זיינען געבליבן אַ באַזונדער פאָלק איז עס געווען דערפאַר וואָס די אַמאָליקע פערסיע האָט געדאַרפט האָבן אַ פּאָליסמאַן קעגן אַנדערע פעלקער.

טראָגט זיך ניט דערפון דער ריח פון דער בונדיסטישער אָרגאַניזאַציע קעגן היינטיקן שיבת־ציון, קעגן דעם ציוניזם און ענגלאַנד?

דאָס וואָרט „פּאַלעסטינע" אַליין פאַרראַט אונזער מחבר: אין יענער צייט האָט נאָך דאָס לאַנד ניט געהאַט דעם נאָמען פּאַלעסטינע...

זאָל איך נאָך גיין ווייטער? זאָל איך נאָך דערציילן אַז ביים חשמונאים־קאַמף דערמאָנט ניט בעזפּראַזוואַני די אַנטשטייאונג פון חנוכה? אָדער ווי ער שילדערט ווי די אַמאָליקע אידן פלעגן פאַרברענגען אויף די דעכער און דאָרט אויך דאַוונען „וואָרום עס איז נענטער צום הימל"? אַן אַנשטענדיקער שבת־גוי וואָלט אָנגעשריבן אַ בעסערע אידישע געשיכטע!

הלואי וואָלט איך נאָך געקענט ציטירן דעם גייסט פון דעם בוך.

בעזפּראַזוואַני, פאַרשטייט זיך, איז אַ היסטאָרישער מאַטעריאַליסט און די גאַנצע אידישע געשיכטע באַוועגט זיך ביי אים בכלל אויף אַ ניוואָ פון אַ סטרייק פאַר אַ „רעיז" און אַ פערטל שעה אַ וואָך ווייניקער אַרבייט.

פון דער ראָמאַנטישקייט פון דער אידישער געשיכטע, פון איר דערהויבנקייט, פון איר אומגעהויערער שיינקייט און טיפער מיס־טיק איז דאָ גאָרניט ניטאָ. עפּעס נאָר אַזוי ווי איין גרויסער, זלידנער, אָסיעַנדיקער רעגן איז געווען די אידישע געשיכטע און דאָס פאָלק האָט זיך אייביק געטאָפּטשעט אין א מיאוס׳ער, זלידנער בלאָטע.

נאָר אויב איר ווילט, ליגט ערשט דערין די אמת׳ע פילאָזאָפיע פון בעזפּראַזוואַני׳ס בוך. און אָט וואָס די פילאָזאָפיע איז:

אַלץ וואָס איז געשען מיט אידן אין ארץ־ישראל איז געווען איין גרויסע קייט פון פּיין, ליידן און אומגליק. אייביקע קאָרופּציע, אונטערדרדיקונג, מחלוקת׳ן און בירגער־קריגן אינווייניק, און איי־ביקע אָנפאַלן און מלחמות פון דרויסן. די מלכים האָבן ניט גע־טויגט, די כהנים האָבן ניט געטויגט, דער בית־המקדש האָט ניט געטויגט, דער שבת האָט ניט געטויגט, די תורה האָט ניט געטויגט, קורץ, ארץ ישראל האָט ניט געטויגט.

פון איצט אָן (נאָך שלמה׳ס טויט און דער צעפאַלונג פון דער אידי־שער מלוכה — ת. ל.) איז די געשיכטע פון ישראל און די געשיכטע פון יהודה פול מיט אָן אַ שיר קליינע מלחמה׳לאַך, אויפשטאַנדן, רע־וואָלוציעס וואָס ברענגען אַלע אומענדלאַכן שאָדן (ב. 1, ז. 275).

דער אונטערגאַנג פון אידישן לאַנד דאַרף גאָרניט באַדויערט ווערן, לויט אונזער מחבר. ער טרייסט זיינע תלמידים:

„דוקא דערפאַר ווייל די אידן זיינען ניט געווען בכח צו באַשאַפן קיין גרויסע מלוכה האָבן זיי געקענט ווערן אַ גרויס פאָלק. וואָס וואָלט דער וועלט אַרויסגעקומען ווען צו אשור, בבל און מצרים, וואָס האָבן פאַרגאָסן מענשלאַך בלוט, וואָלט אויך צוגעקומען אַ פאַראייניקטע אידישע מלוכה, וואָס וואָלט אויך געפירט מלחמות, גערויבט און פרעמדע פעלקער פאַרשקלאַפט". (ב. 1, ז. 276).

דאָס אמת׳ע לעבן פון אידישן פאָלק הויבט זיך אָן מיט׳ן גלות.

ווייל, פאַרשטייט איר מיך, בעזפּראַזוואַני האָט אָנגעשריבן א בונדיסטישע אידישע געשיכטע, וואו מ׳דאַרף מיט אידישע קינדער איינקנעלן אַז ארץ ישראל האָט ניט געטויגט אַמאָל און וועט אודאי ווייטער אויך ניט טויגן. דער גלות — דאָ ליגט די גאַראַנטיע אויף

דער אידישער עקזיסטענץ. און ווען ער דערגרייכט צום גלות פילט איר אַז ס'איז אים ממש אַראָפּ אַ שטיין פון האַרצן, ענדלאַך זיינען אידן פּטור געוואָרן פון ארץ ישראל און פון אַלע זייערע צרות!...

„אין ארץ ישראל — שרייבט ער — ליגן באַגראָבן טיף אין דער ערד די רעשטן פון פאַרוויסטונג, די קללה פון מענשלאַכער בלינדקייט איז אויסגעגאָסן אויף יעדן איינציקן אָרט. אין ארץ ישראל איז אָבער אויך אויפגעגאַנגען די ליכטיקע האָפענונג פון פעלקער-פאַרברי-דערונג און מענשלאַכן גליק.

„אַמאָל האָבן נאָר די נביאים געפּרוּוּדיקט די ברידערלאַכקייט פון די מענשן... דאָס פאָלק האָט, אַרונטערקוקנדיק פון די בערג, געזען די שטאָט ירושלים און דעם בית-המקדש, תמימות'דיק געמיינט אַז די גאַנצע וועלט מעג אונטערגיין, נאָר ירושלים וועט בלייבן, ירושלים קען, ווי נח'ס תיבה, געראַטעוועט ווערן פון גרויסן מבול פון פייער און בלוט וואָס האַלט אין פאַרטרינקען די וועלט.

„וואָגלענדיק אין דער פרעמד (ד. ה. אין גלות) האָבן די אידן פון יהודה דערזען די באַפרייאונג פון זייער פאָלק אין ליכט פון יענע האָפענונגען מיט וועלכע עס זיינען געקומען די נביאים-קעמפער נאָך מיט מער ווי הונדערט יאָר צוריק. דער אונטערגאַנג פון דער מלוכה האָט באַדייט דעם זיג פון דער נבואה" (ב. 1, ז. 430-31).

דער אונטערגאַנג פון דער מלוכה האָט באַדייט דעם זיג פון דער נבואה — **אָט דאָ האָט איר אַלץ אָפן אויף דער האַנט.**

ס'איז, הייסט עס, געווען אַ גליק וואָס די אידישע מלוכה איז אונטערגעגאַנגען. אידישע מלוכה (לייען ציוניזם) און נבואה שליסן אויס איינע די אַנדערע. די נביאים, אויב איר ווילט, האָבן אַליין גע־שטרעבט צום אונטערגאַנג פון ציון.

בלויז איין זאַך האָט אונזער היסטאָריקער פאַרגעסן צו פאַרציי־כענען ביי די אידן און די נביאים: די האָפענונג אויף שיבת־ציון...

„די קומענדיקע באַפרייאונג האָבן זיך די אידן איצט (ביי גלות בבל—ח. ל.) פאָרגעשטעלט ווי די באַפרייאונג פון דער גאַנצער ליידנ-דיקער וועלט. ישראל וועט אויך אויפגעריכט ווערן, אָבער ניט אַליין. דורך די מלחמות און פּלאָגן האָבן אידן אויסגעפונען ווי אויסגעבונדן עם זיינען די לענדער פון דער וועלט, און אַז די טרייסט פאַר זייער איינגן פאָלק קען קומען נאָר דעמאָלט, ווען דאָס וועט זיין אַ טרייסט פאַר אַלע פעלקער" (281).

וואָס איז דאָס, אידישע געשיכטע אָדער אַ בונדישע פּראָקלאַמאַציע? ווי איר זעט: שוין אין גלות בבל זיינען אידן געווען בונדיסטן... און די סאַמע ערשטע בונדיסטן זיינען געווען די נביאים. שרייבט דאָך דוד איינהאָרן בפירוש, אז יונה הנביא איז געווען א וואונדערלאכער אַנטי־ציוניסט.

„אידן האָבן אָנגעהויבן די ערשטע טויזנט יאָר פון זייער געשיכטע ווי אַלע פעלקער... זיי האָבן פאַרכאַפּט שטעט וואָס זיי האָבן ניט געבויט, וויינגערטנער וואָס ניט זיי האָבן געפלאַנצט. די בני ישראל האָבן אָנגעהויבן זייער געשיכטע באַטרעטנדיק דעם וועג פון אויסראָטונג, פון פאַרניכטונג, דעם וועג וואָס האָט געפירט פריער אָדער שפּעטער צום אונטערגאַנג. איצט, גייענדיק געפאַנגענע, וואָגלענדיק אין דער פרעמד, באַוויינענדיק די חורבות פון אַ לעבן וואָס איז פאַרביי, האָבן זיי גענומען אויסלייגן דעם וועג פון אויפקום” (ב. 1, ז. 230).

אין זייערע ליידן און אומגליק האָבן זיי איצט אויסגעפונען אז זייער באַפרייאונג איז פאַרבונדן מיט דער אויסלייזונג און מיט דער באַפרייאונג פון אַלע אַנדערע פעלקער” (דאָרט).

זעט: דאָס אייגענע לאַנד איז געווען רויבעריי, אויסראָטונג, פאַרניכטונג און אונטערגאַנג, אָבער וואָגלעניש אין דער פרעמד איז אויפקום. הוראַ פאַרן גלות!

איז דאָס ניט קיין גייסטיקער שמוגל? איז עס ניט אַ זינד, אַ זינד קעגן אידישן פאָלק, קעגן געשיכטע, קעגן דער אייגענער פעדער אַזוי אָפּצונאַרן און פאַרשווינדלען די קעפּ פון אידישע קינדער?

די גמרא דערציילט אַז ווען ר׳ יוחנן האָט איינמאָל געזען אַן אַלטיטשקען גוי פאַרבייגיין האָט ער זיך אויפגעשטעלט פאַר אים. האָבן די תלמידים אים געפרעגט פאַרוואָס ער האָט זיך אויפגעשטעלט פאַר אַ פרעמדן וואָס ער קען גאָרניט. האָט ר׳ יוחנן געענטפערט: פון דרך־ארץ פאַר די שווערע געשעענישן וואָס זיינען אַריבער איבער זיין קאָפּ אין זיין לאַנגן לעבן.

און אונזערע בעזפּראָזוואַניס האָבן אפילו ניט קיין פּשוט׳ן דרך ארץ פאַרן אַלטן אידישן פאָלק, קיין דרך־ארץ פאַר זיינע גרויע האָר, אויסגעשמירטע אין בלוט!

זיין גאַנצע געשיכטע איז אַ געשיכטע צו פאַרקלענערן די באַדיי־טונג פון אידישן פאָלק, צו פאַרמינערן פון זיין גרויסקייט און זיין כבוד.

עס איז אַ בוך וואָס די ווערטער האָבן אַפילו דאָס פּאַפּיר טריף געמאַכט.

איצט דערמאָנט איך ווי אַזוי דער חדר פלעגט איבערגעבן די קינדער דעם אידישן פאַרצייטן, ווי אַזוי ער האָט פאַרגעשטעלט פאַר די קינדער די אידישע הייליגטימער, און איר וועט באַגרייפן דעם תהום וואָס צווישן אים און דער וועלטלאַכער אידישער שול.

אינ׳ם „נאָכוואָרט״ זאָגט דער מחבר אַז „דאָס בוך איז געשריבן לויט די היסטאָרישע מקורים און לויט די פאָרשונגען פון די מאָדער־נע ביבליסטן״. קיין היסטאָרישע אידישע מקורים זעען זיך דאָרט ניט, ביבליסטן — יע. ס׳איז גאָרניט אויסער אַ באָמבאַסטיש פּוב־ליציסטיש ביבליסטיש בונדיסטיש ווערקל.

און דאָסדאָזיקע ביכל, זאָגט דער מחבר, איז פאַרשפּרייט געוואָרן אין עטלאַכע הונדערט שולן. וויפיל אידישע קינדער זיינען עס פאַר׳־סמ׳ט געוואָרן!

צום גליק איז דאָס ניט דאָס איינציקע געשיכטע־ביכל וואָס האָט צירקולירט אין די שולן. נאָר ווער קען אָפּשאַצן דעם שאָדן און ווי אַזוי קען שוין דער שאָדן פאַרריכט ווערן?

און פון אַזאַ בוך לערנען זיך אידישע קינדער „שפּינען ווייטער די גאָלדענע פאָדים פון דער אידישער געשיכטע״...

צום סוף בעט זיך נאָך אַ וואָרט וועגן דעם מחבר׳ס טעאָריע פון אידישן גלות:

אויב גלות איז אַזוי גוט פאַר אידן דאַרף ער דאָך אויך זיין גוט פאַר די גוים. היינט ווען מען אַנטוויקלט דעמדאָזיקן געדאַנק אין אַ „פילאָזאָפיע פון געשיכטע״ קומט אויס, אַז דאָס גרעסטע גליק פון דער מענשהייט וואָלט דערגרייכט געוואָרן ווען אַלע פעלקער זאָלן זיין אין גלות איינס ביים אַנדערן...

תנ״ך און די וועלטלאַכע שולן

אין דער אידיש־וועלטלאַכער שול, פון דעם ערשטן טאָג אָן וואָס זי איז געקומען אויף דער וועלט, זיינען אויף אַלע טירן און פענצטער אויפגעהאָנגען געוואָרן שווערע שלעסער און עס זיינען אויסגעשטעלט געוואָרן גוטע, אויסגעפּרובירטע, שטאַרקע וועכ־טער, זשאַנדאַרמען פון „קולטור״*), צו היטן אַז עס זאָל זיך חלילה אַהין ניט אַריינ׳גנב׳ענען — גאָט.

עס איז אַ סך גרינגער פאַר אַ קעמל דורכצוקריכן דורכן אויער פון אַ נאָדל ווי פאַר גאָט זיך דורכצורייסן דורך אַ שפּאַ־רונקע פון אַ אידישיסטישער שול. זי איז געווען און איז געבליבן אַן אַטעאיסטישע שול.

נאָר אין אַטעאיזם, אַזוי ווי אין אַלע זאַכן, איז פאַראַן איי־דעלער שטאָף און פּראָסטער שטאָף. דער אַטעאיזם פון דער אי־דישיסטישער שול איז אָפּט פון דעם גראָבן, חלב׳נעם סאָרט.

אַז אין דער אידישיסטישער שול איז ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר גאָט איז, פאַרשטייט זיך, דאָרט אויך ניט געווען קיין פּלאַץ פאַר זיין ספר, דעם תנ״ך. וואָרום דאָ, אין דעם תנ״ך, האָט זיך דאָך גאָט, ווי באַוואוסט, אויסגעשפּרייט ווי ביים טאָטן אין ווייַנגאָרטן, זאָל מיר גאָט מוחל זיין פאַר די פּראָסטע רייד.

האָט מען לכתחילה געהאַט זייער אַ פּשוט׳ן מיטל: מ׳וועט אויסרייסן דעם ווייַנגאָרטן, וועט גאָט ניט האָבן וואו צו ליגן אויס־געשפּרייט! און מען האָט קיין שטיקל תנ״ך ניט אַריינגעלאָזט אין דער שול אַריין. קיין שייטל עברי און קיין פּיצל תנ״ך.

---

*) זע: „זשאַנדאַרן פון דער תורה״, אין „קולטור און דערציאונג״, פעברואַר, 1941.

ביסלאכוויז אָבער האָט מען זיך אַרומגעקוקט אַז פאַרט זיינען אין דעם וויינגאָרטן פאַראַן שיינע בוימער וואָס איז אַ שאָד אויס־צורייסן. און מען האָט גענומען טראַכטן ווי אַזוי אָפּצוהיטן די שיינע בוימער און דאָך אויסרייסן די געטלאכע דערנער, און מען איז גע־פאַלן אויף אַ פּלאַן: אַזוי ווי גאָט האָט אַמאָל ארויסגעטריבן אָדמ׳ן פון גן־עדן אַזוי וועט מען איצט גאָט ארויסטרייבן פון זיין גן־עדן.

און אַזוי ווי קיין „גרויסע קעפּ" האָבן קיינמאָל ניט געפעלט אין דער אידישיסטישער שול האָט מען לאַנג ניט געדארפט וואַרטן. און אין איין שיינעם פרימאָרגן איז גאָט ארויסגעטריבן געוואָרן פון גן עדן און ס׳האָט זיך דאָרט באַזעצט — יעקב לעווין.

עס זיינען אַרויס יעקב לעווינ׳ס „מעשות און לעגענדעס פון דער אידישער געשיכטע", און פאַר זיי זיינען אָראָפּגענומען געוואָרן אַלע שלעסער פון טיר און פענסטער. דאָס ביכל האָט ממש פאַר־פלייצט די אידישיסטישע שול. דער תנ"ך ניט, נאָר יעקב לעווינ׳ס „מעשות און לעגענדעס" פון תנ"ך — יע.

געדענקט איר דאָך אודאי די מעשה פון חומש, ווי יעקב אבינו האָט זיך געראַנגלט מיט אַ מלאך. אָט אַזאַ ראַנגלעריי, נאָר אַ פיל גרעסערע און מעכטיקערע, קומט פאָר אין די „מעשיות און לעגענדעס": ווארום יעקב אבינו האָט זיך געראַנגלט נאָר מיט אַ מלאך פון גאָט, און יעקב לעווין ראַנגלט זיך מיט גאָט אַליין.

איז דאָס אַ „רעסטלינג מעטש" ממש אויף בילעטן צו גיין.

עס וועט נאָך, האָף איך, קומען אַמאָל אַ שלום־עליכם וואָס וועט נעמען די יעקב לעווינס, אָט די „קולטורעלע" מנחם־מענדלס אונזערע, אויפן גרויסן געלעכטער. נאָר ווי יעקב לעווין האָט עס אַליין געמאַכט, איז אויך גענוג קאָמיש, און טראַגיש.

דער קאָמיזם און טראַגיזם ניט פון אַ יעקב לעווין אַליין נאָר פון אַ גאַנצן דור ליגט שוין אין דער „פאָררעדע" אַליין, וואו דער מחבר דעפינירט דעם זין און די מעטאָדע פון זיינע „מעשיות און לעגענדעס": „אַ לאַנגע צייט — שרייבט ער — געשלאָגן זיך מיט דער דעה, אַרויסגעבן די מעשיות און לעגענדעס פון דער ביבל צי ניט". ער האָט, הייסט עס, זיך ניט געקענט לייכט באשליסן צי

•

עס לוינט אים אָדער צי עס פּאַסט אים בכלל זיך איינצוריכטן די הענט ביי אַזאַ ענין. „געצווייפלט — שרייבט ער — צי מען דאַרף אָט די לעגענדעס דערציילן די קינדער צי ניט. פון איין זייט אַזעלכע וואונדערבאַרע מעשיות... און פון דער אַנדערער זייט מעשיות פול מיט איבערנאַטירלאַכקייטן, דורך און דורך דורכגעדרונגען מיט גאָט און מיט זיין שטענדיקער ווירקונג אויפן מענטש'ס לעבן, וואָס עס איז קעגן אונזער גאַנצער וועלטלאַכער וועלט־אַנשויאונג", און וואָס דאָס וואָלט געמיינט „באַאיינפלוסן אונזערע קינדער אין אַ ריכ־טונג וואָס איז אונז פרעמד און אפילו דערווידער".

בעמט אייך אַריין גוט אין זינען דאָס דאָזיקע וואָרט דערווידער. דאָס איז דער שליסל צו די שלעסער וואָס זיינען אויפגעהאַנגען גע־וואָרן אויף טיר און טויער פון דער אידישיסטישער שול. מיט אַ ווידערגעפיל איז מען דאָ געגאַנגען צום תנ"ך, צו דער אידישער געשיכטע און צו דער גאַנצער אידישקייט. און אַ ווידערגעפיל האָט דאָ דעריבער געמוזט הערשן צו אַלע אידישע דורות, ביז אונזערע עלטערן, וואָס זיינען געווען „באַאיינפלוסט" אין יענער „ריכטונג".

באַטש הייסן הייסט עס, אַז מ'וויל דאָס קינד צובינדן צו זיינע עלטערן און צו דער אידישער פאַרגאַנגענהייט...

י. לעווין הויבט אָן זיין מייסטערווערק פון דעם גלח אברהם אבינו. פאַרוואָס עפּעס אַ גלח? ווייל ער האָט געהאַנדלט מיט די אָפּגעטער פון זיין טאַטן תרח. זעט איר, אָפּגעטער דערמאָנט לעווין יע אין זיין ביכל פון דער חומש־עפּאָכע, אָבער גאָט — חס וחלילה. קיין גאָט איז נישטאָ. בלויז אָפּגעטער זיינען דאָ.

דעם גאַנצן טייל חומש פון „בראשית ברא" ביז אברהמ'ען לאָזט לעווין דעריבער אויס. ער וועט דאָך ניט גיין דערציילן פאַר קינדער אַז גאָט האָט באַשאַפן הימל און ערד. דאָס וואָלט דאָך גע־ווען אַ זינד פאַרן גאָט פון וויסנשאַפט און אפיקורסות. ביי די אידישע „וועלטלאַכע" זיינען וויסנשאַפט און אפיקורסות נאָך אַלץ איין זאַך. די וויסנשאַפט אַליין האָט זיך שוין לאַנג אָפּגעזאָגט פון אפיקורסות ווי אַ מוז פאַר זיך (אייגנטלאַך עס קיינמאָל ניט געהאַלטן ווי אַ מוז), אָבער ניט די אידיש־וועלטלאַכע. אידן זיינען שטענדיק

די ערשטע אָריינצושפּרינגען אין נייע באַוועגונגען און שיטות און די לעצטע אַרויסצוגיין. איר ווייסט דאָך: המאחרים לצאת מן השבת וממהרים לבוא...

דערציילט לעווין אַז אברהם האָט צעבראָכן תרח׳ס געטער. אָבער פאַרוואָס? אין נאָמען פון וואָס? דאָס דערציילט ער ניט. זיינען שוין ב״ה ניטאָ ניט קיין אָפּגעטער און ניט קיין גאָט אויף יעקב לעווינ׳ס וועלט.

אָבער י. לעווין קומט דאָך אונז צו דערציילן אידישע געשיכטע. און עס איז דאָך א געשיכטלאכער פאַקט אז אידן האָבן געהאַלטן אַז אין אָנהויב האָט גאָט באַשאַפן הימל און ערד. און ווען ער וואָלט נאָר געהאָט די פּשוט׳ע ערלאכקייט פון אַ היסטאָריקער וואָלט ער עס ניט געדאַרפט אויסלאָזן. דאָס איז דאָך אייגענטלאך געווען דער חילוק צווישן אברהמ׳ן און תרח׳ן. צו פאַרלייקענען אַז אידן האָבן געהאַלטן אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט איז גלייך ווי אַ היסטאָריקער פון אַמעריקע וואָלט פאַרלייקנט אַז קאָלומבוס האָט אַנטדעקט אמעריקע. און אַז מ׳איז שוין אַן אַפּיקורס, מעג מען שוין פעלשן געשיכטע?

און דוקא דער פאַקט אַז אידן האָבן געהאַלטן אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט איז דער וויכטיגסטער פאַקט אין דער אידישער געשיכטע. דערדאָיקער פאַקט, און אַלץ וואָס וואַקסט פון אים אַרויס, האָט איבערהויפּט געבראַכט ס׳זאָל זיין א אידישע גע־שיכטע און יעקב לעווין זאָל האָבן וואָס צו שרייבן. ווען ניט אַ גרופּע סעמיטן וואָס האָבן געהייסן עברים, און וואָס האָבן זיך איינגעשפּאַרט דוקא אַז גאָט האָט באַשאַפן די וועלט, וואָלט גאַרניט געווען קיין באַזונדער אידיש פאָלק. דעמאָלט וואָלט אויך ניט גע־ווען קיין יעקב לעווין, און שטעלט אייך פאָר וואָס די וועלט וואָלט פאַרלאָרן...

עס קען זיין אז יעקב לעווין ווייס בעסער ווי אַזוי הימל און ערד זיינען באַשאַפן געוואָרן, אָבער דאָס האָט דאָך ניט צו טאָן מיט דער אַלטער אידישער געשיכטע.

נאָר דער חכם (בלשון סגינהור) פאַרשטייט ניט, אַז דוקא אַלס אַפּיקורס האָט ער געדאַרפט אָנהויבן מיט הימל און ערד, ניט מיט

אברהמ'ן. וואָרום אז הימל און ערד זיינען דאָ — דאָס זעט ער דאָך אַליין מיט די אויגן. ערשט וועגן אברהמ'ן דאַרף ער גלויבן דער תורה...

מיט זיין מעטאָדע האָט יעקב לעווין באוויזן אַז ניט נאָר איז ער אַ שלעכטער היסטאָריקער, נאָר אויך אַ שלעכטער פּעדאַגאָג. וואָרום יעדער גוטער פּעדאַגאָג ווייס אז קינדער זיינען „פילאָזאָפיש" און ווילן וויסן דוקא ווער עס האָט געמאַכט הימל און ערד און די זון און לבנה און שטערן און בוימער און גראָז. זיי פאַרפייניקן פּשוט טאַטע־מאַמע מיט דידאַקטישע פראַגן. ערשט ווען די קינדער פאַלן אַריין אין די הענט פון די יעקב לעווינס ווערן זיי טעמפּ.

וואָס אייגנטלאך האָט יעקב לעווין מרויח געווען דערפון וואָס ער האָט אָפּגעשניטן דעם טייל חומש וואָס דערציילט פון דער וועלט־באַשאַפונג, און פון דער באַשאַפונג פון דעם מענטשן, פון ערד און אין גאָט'ס געשטאַלט?

ער האָט געטאָן איין קליינינקייט: ער האָט אַרויסגעוואָרפן אַ וואונדערלאכע וועלטאַנשויאונג, אַ וועלטאַנשויאונג מיט עלעמענטן וואָס זיינען געוואָרן די טייערסטע און הייליקסטע יסודות פון דער פאָרגעשריטנסטער קולטור. יע, דוקא דער פאָרגעשריטנסטער, דער סאָציאַליסטישער קולטור.

די גמרא פרעגט: פאַרוואָס האָט גאָט באַשאַפן איין מענטשן, אדמ'ען, איין פאָטער פון אַלע מענטשן? און זי ענטפערט: כדי מענטשן זאָלן זיך קיינמאָל ניט קענען איבערנעמען איינער קעגן אַנדערן און זאָגן „מיין אורטאַטע איז געווען אַ גרעסערער יחסן פון דיינעם". אַלע מענטשן, הייסט עס, זיינען גלייכע. איר האָט דאָ די אידישע אַנשויאונג אין דער ראַסן־פראַגע, אַ פראַגע איבער וועלכער עס ווערט היינטיקן טאָג אזוי בלוטיק געפאָכטן אין דער וועלט. געפעלט אפשר דאָס ניט י. לעווינ'ען?

אויב די אַמעריקאַנער דעמאָקראַטיע שטייט אויפן פּרינציפּ אַז „אַלע מענטשן ווערן געבאָרן גלייכע", שטאַמט עס פון אָט דער „נאַרישקייט" אין דער תורה.

דער זאָג פון דער תורה אַז דער מענטש איז באַשאַפן געוואָרן

אין גאָט'ס געשטאַלט האָט אינספּירירט אַלע קעמפּער פאַר דעמאָ־קראַטיע. וואָס עס איז געשאַפן געוואָרן אין גאָט'ס געשטאַלט, האָבן זיי גע'טענה'ט, איז געטלאַך און טאָר ניט זיין אונטערגעוואָרפן צום מענטשן. אידן האָבן עס אויסגעדריקט אין דעם מאמר: עבדים אתם לי ולא עבדים לעבדים. שמעקט דאָס אויך ניט דער פּראָגרעסיווער נאָז פון יעקב לעווינ'ען?

י. לעווין האָט ניט געוואָלט אָננעמען וואָס די תורה זאָגט אַז גאָט האָט באַשאַפן דעם מענטשן פון ערד. אָבער די גמרא האָט עס אָנגענומען און האָט נאָך צוגעגעבן אַז פאַר דעם ביסל ערד צו באַ־שאַפן דעם מענטשן האָט גאָט צוזאַמענגענומען זאַמד פון אַלע עקן וועלט, צו ווייזן אַז די גאַנצע ערד געהערט צו יעדן מענטשן גלייך. איז דאָס אויך ניט געפעלן געוואָרן י. לעווינ'ען? טאָר מען מיט אַזעלכע געדאַנקען ניט באַאיינפלוסן אידישע קינדער?

און אַזוי איז אונזער מחבר אַרומגעלאָפן ווי אַ מייזעלע איבער דער תורה און וואו עס שטייט דאָס וואָרט גאָט האָט ער אויסגע־גריזעט. ביז עס איז אים געבליבן אַ תורה פון גאָלע לעכער. מער לאָך ווי תורה. ניין, אינגאַנצן לאָך און גאָרניט קיין תורה.

דערציילנדיק, צום ביישפּיל, די מעשה סדום קען זיך אונזער מחבר קיין עצה ניט געבן מיטן שמועס פון אברהמ'ען מיט גאָט, וואו אברהם האָט געפאָדערט פון גאָט אַז צוליב פופציק אָדער אפילו צען צדיקים זאָל גאַנץ סדום געשוינט ווערן. „חלילה פון דיר צו טאָן אַזאַ זאַך — האָט אברהם גע'טענה'ט — צו טויטן דעם אומ־שולדיקן מיטן שולדיקן. זאָל דער ריכטער פון דער גאַנצער וועלט ניט טאָן קיין גערעכטיקייט?" אין דידאָזיקע עטלאכע פסוקים ליגן אַלע יסודות פון גאָר דער גערעכטיקייט. און קיינמאָל האָט נאָך דידאָזיקע טענה ניט געקלונגען מער הערלאַך ווי אין אונזערע אייגענע טעג, ווען דוקא אין דעם אַפּיקורסישן גן־עדן, אין סאָוועט־רוסלאַנד, ווערן די ווייטסטע קרובים און פריינט פון אַ „שולדיקן" באַשטראָפט גלייך ווי שולדיקע, בלויז פאַר זייער קרובה'שאַפט אָדער פריינטשאַפט. ווייטער, אין דעם זאַג „השופט כל הארץ לא יעשה משפט?" ליגט אַ גרונט־אונטערשייד פון דעם אידישן באַגריף

פון גאָט און דעם גוי'עשן באַגריף פון זייערע געטער, וואָס ניט נאָר זיינען זיי ניט געווען קיין טרעגער פון גערעכטיקייט נאָר זיי זיינען נאָך אַליין געווען די גרעסטע זינדער און פאַרברעכער. אָבער ווייל דאָ איז דאָ גאָט אינמיטן האָט יעקב לעווין זיך ניט געקענט נעבאַך קיין עצה געבן. וואָס זשע האָט ער געטאָן? ער האָט עס אינגאַנצן אַרויסגעוואָרפן, ווי יענער האָן וואָס האָט געפונען אַ פּערל... וואָס טויג אַ באַרישן האָן אַ פּערל?

גאָר געניאַל איז יעקב לעווין ביי דער געשיכטע מיט יציאת מצרים. ווער, מיינט איר, האָט ארויסגעפירט די אידן פון מצרים, גאָט? אַ טעות! ניט גאָט, נאָר אַ דאָרנבוש! משה, דערציילט אונז יעקב לעווין, האָט איינמאָל דערהערט ווי אַ דאָרנבוש (דער סנה) רעדט צו אים און זאָגט אים: „משה, די ליידן פון דיין פאָלק און דער דרוק וואָס די מצריים דריקן אים, איז זייער גרויס... וואָס זיצסטו? פאַרלאָז דעם מדבר און גיי אין מצרים". און משה האָט צונויפגערופן די עלטסטע פון די קינדער פון ישראל און זיי דערציילט וואָס ער האָט געהערט פון דעם דאָרנבוש. ווער האָט גערעדט פון דעם דאָרנבוש אַרויס? טאַקע ווער? בלייבט אַ קשיא.

און אַזוי דורכאויס. ביי אַלע נסים וואָס גאָט האָט באַפוילן משה'ן צו טאָן לאָזט אויס יעקב לעווין די דערמאָנונג פון גאָט. ביי קריעת ים־סוף האָט משה געזאָגט צו די דערשראָקענע אידן: „שרעקט זיך ניט, קוקט נאָר וואָס דאָ ווערט געשען".

אַלראַיט, רעדי? גאָו! „און משה האָט אַ מאַך געטאָן מיט זיין שטעקן איבערן וואַסער און עס האָט זיך אויפגעהויבן אַ שטאַר־קער ווינט און האָט אויסגעטריקנט דאָס וואַסער פון ים".

האָקוס־פּאָקוס, און פאַרטיק...

ביים ציען וואַסער פון שטיין — משה האָט געשלאָגן דעם שטיין און ס'איז אַרויס וואַסער. ביי אהרנ'ס שטעקן — משה האָט געהייסן אריינלייגן די שטעקנס אין אָרון און זע, אהרנ'ס שטעקן האָט אויפגעבליט. ביי מעשה קרח — משה האָט געזאָגט, די ערד וועט זיך צעשפּאַלטן און איינשלינגען קרח'ן מיט זיין עדה און אַזוי איז געשען.

און אזוי דורכאויס, דורך דער גאנצער תורה. וואָס קומט דאָ ארויס משה? קיין אַנדער זאַך ווי אַ כישוף־מאַכער, עפּעס אַ פּאָקוסניק, אַ הודיני.

נאָך אַזעלכע מעשה׳ס אין יעקב לעווינ׳ס ביכל ווערט אַ קינד צוגעגרייט — פאַר אידישקייט? ניין, פאַר אַ צירק. ווען אַ קינד וועט זיך אויפהויבן פון יעקב לעווינ׳ס ביכל און גיין אין אַ צירק און זען ווי איינער שלעפּט ארויס האָזן פון אַ הוט אדער זעגט איבער אַ לעבעדיקע פרוי אין צווייען און זי שטייט גאָר אויף אַ לעבע־דיקע, וועט עס אויסרופן אין אַנטציקונג: אָט איז משה רבינו!

אָבער ווען אַזאַ קינד וועט גיין אין גאָס און וועט דערזען אַ שול, וואו אידן גייען מתפלל זיין צו גאָט — פונוואַנען זאָל ער וויסן וואָס דאָס איז אַן ער ווייס גאָרנישט אַז אידן האָבן אַ גאָט?

סיידן ער וועט פרעגן אַ דערבייאיקן פּאָליסמאַן און יענער וועט אים דערקלערן...

אין זיין פאָררעדע זאָגט י. לעווין אַז ער האָט ענדלאַך באַשלאָסן צו שרייבן זיין מייסטערווערק ווייל ער האָט איינגעזען, אַז אפילו נאָכדעם ווי מען וואַרפט אַרויס דעם רעליגיעזן עלעמענט (גאָט) פון די ביבלישע געשיכטעס, בלייבן זיי נאָך אַלץ גרויסע קונסט־ווערק. אפשר. אפשר קען אַ פּנים בלייבן שיין אויך ווען מען נעמט אַרויס די אויגן און מ׳שניידט אָפּ די נאָז. אָבער פון יעקב לעווינ׳ס הענט זיינען די קינסטלערישע ביבלישע מעשות אַרויס ניט מער ווי ביליקער שונד.

נאָר דעם סאַמע שפּיץ דערגרייכט יעקב לעווין מיט די עשרת הדברות. די עשרת הדברות, איןביידע נוסחאות אין דער תורה, הויבן זיך אָן מיט „אנכי ה׳ אלהיך״, איך בין גאָט דיין גאָט. וואָס טוט מען דאָ? פאַר יעקב לעווינ׳ען איז עס גאָר קיין פּראָבלעם ניט געווען: אַרויסגעוואָרפן! אויסגעמעקט! אַראָפּגעקראַצט פון די לוחות און פאַרטיק!

ער הויבט אָן פון דער צווייטער העלפט, פון „זאָלסט זיך ניט מאַכן קיין אָפּגעטער און קיין בילדער״...

און אַזוי האָבן זיך אין לעווינ׳ס תורה באַקומען נײַן און אַ האַלבּ צען געבאָט!

זאָג איך: אַזאַ בראַווער גנב איז נאָך ניט געווען זינט די וועלט שטייט. באַ׳גנב׳ענען די לוחות וואו עס שטייט „לא תגנוב"! און אַראָפּ׳גנב׳ענען פון אַ דאָקומענט וואָס אַ וועלט קען אויסוועניק.

בדאַי זיך צוויי אויגן אַרויסנעמען, אַבי גאָט איינעם.

און כאָטש יעקב לעווין זאָגט אָן אַזוי פּייערלאַך אַז מ׳זאָל זיך ניט מאַכן קיין אָפּגעטער, פונדעסטוועגן פירט ער אַליין אידישע קינדער צו געצנדינסט. אין אָן אַנדער ביכל זיינעם נעמט ער דאָס אידישע קינדער־ליד: „גאָט, גאָט, גיב אַ רעגן" און מאַכט עס איבער אויף: „נאַטור, נאַטור, גיב אַ רעגן". געצנדינער זיינען מתפלל צו דער נאַטור.

נאָר ווען איינער האָט זיך גענומען דאָס רעכט צו ענדערן די עשרת הדברות, זאָל ער זיך אָפּשטעלן פאַר אַ פאָלקסלידל?

איך מוז זיך מודה זיין אַז איך האָב שטענדיק אַ טייוולשע הנאה צו ריידן דערפון אין שייכות מיט יעקב לעווינ׳ען. יעדער מענש בויט זיך זיין אייגענעם מאָנומענט ביים לעבן. יעקב לעווין האָט זיך געמאַכט אַ מאָנומענט אין אונזער „פּראָגרעסיוון", צעשטע־רערישן דור און ער דאַרף דערמיט געדענקט ווערן: משה רבינו האָט צעבראָכן די ערשטע לוחות און יעקב לעווין די צווייטע. ווערט דאָך אַ געוויסער גריכישער אינגל געדענקט אין דער געשיכטע דערמיט וואָס ער האָט אונטערגעצונדן דעם שענסטן טעמפּל פון די געטער. לאָמיר אַזוי געדענקען יעקב לעווינ׳ען.

און כדי נאָך קלערער צו מאַכן דעם גייסטיקן חורבן פון אונזער דור, זאָל נאָך דאָ פאַרצייכנט ווערן אַז דאָסדאָזיקע גאָט־און איד־לעסטערנדיקע ווערק, דאָס בוך פון גראָבער עבודה זרה, איז אַרויס־געגעבן געוואָרן פון דער היברו פּאַבלישינג קאָמפּאַני, וואָס איז ספּעציאַליזירט אויף אידישע רעליגיעזע ספרים.

ווי מיט יענער אידענע: טאָמער איז דאָס אויך אַ גאָט...

.2

די ביכלאך פון י. לעווין און ח. בעזפראזוואני, וואס האבן פאר־פליצט די אידישיסטישע שול, וויזן די באציאונג פון א דור, א ראדיקאלן דור ביי אידן, צום תנ״ך. פון דעמדאזיקן שטאנדפונקט האבן זיי א היסטארישן ווערט און דארפן באהאלטן ווערן אין ארכיוו. זאלן שפעטערדיקע דורות לייענען און זען און שאקלען מיט די קעפ.

וואס איז, בקיצור, געווען די באציאונג פון יענעם דור צום תנ״ך? ווי צו א טריף־פסול. צוליב זיין קדושה איז ער ביי זיי געווען טריף! וואס פאר א איראניע... אמאל האבן די פרומע אידן בא־האנדלט די ביכלאך פון די פרייע ווי טריף־פסולס, האבן דערנאך די פרייע זיי אפגעצאלט און באהאנדלט דעם תנ״ך ווי א טריף־פסול.

דער תנ״ך איז געווען די איינציקע שטיק „טרפות״ וואס די אידישע „אויפגעקלערטע״ האבן ניט גענומען אין מויל אריין...

האבן זיי דערפאר טייער באצאלט: ביי זייער גאנצער אויפ־קלעראכץ זיינען זיי געבליבן גייסטיק פוסט און זייער לעבן אויס־געליידיקט. און עס האט זיך ביי א טייל פון זיי אנגעהויבן א שטילע — זאל איך זאגן מיסטישע? — ציענייש צוריק צום תנ״ך. נאר וואס דען? ניט ווי צו א הייליק ווערק, נאר ווי צו א „קונסטווערק״, ווי צו „ליטעראטור״.

ווארים א כלל האבן אונזערע אויפגעקלערטע, אז א זאך מעג אפילו זיין טריף, נאר ווי באלד ס׳איז „קונסט״ איז עס כשר. זיי זיינען מוחל, למשל, גאגאל׳ן דעם אנטיסעמיטיזם פון זיין „טאראס בולבא״; אדער דאסטאיעווסקי׳ס אנטיסעמיטיזם. „ליטעראטור״

איז עס? איז שוין רעכט. קונסט קויפט ביי זיי אַלץ אויס. אפילו דעם תנ"ך.

רוקט זיך איצט אַ נייע אַנשיקעניש אויף אידן: תנ"ך אַלס ליטעראַטור!

און מיט זייער כאַראַקטעריסטישער היציקייט האָבן זיי זיך אַ נעם געטאָן צו פריידיקן תנ"ך צווישן אידן. יע, זיי זיינען גאָר גע־וואָרן די פריידיקער פון תנ"ך! און מיט דער באַגייסטערונג פון אַ נייער אַנטדעקונג שרייען זיי: די פרומע אידן וויסן דען וואָס תנ"ך איז? ווייס איך וואָס! ערשט זיי, די פרייע און אויפגע־קלערטע, זיינען די אמת'ע קענער און פאַרשטייער פון תנ"ך, און ערשט זיי וועלן באַווייזן אידן וואָס דער תנ"ך איז!

זיי וועלן ממש ראַטעווען דעם תנ"ך פון „אידישע הענט". גראַדע ווי די קריסטן זאָגן אַז דאָס קריסטנטום האָט געראַטעוועט די אידישקייט פון אידישע הענט.

דאָס זיינען פון יענע בעלי־תשובה וואָס נעמען זיך גלייך לער־נען דעם רב ווי צו היטן אידישקייט.

דריי „אומגליקן" זעען די נייע תנ"כ'ניקעס ביי די פרומע אידן קעגן דער אמת'ער פאַרשטענדעניש פון תנ"ך: זיי פאַר־שטייען ניט דעם תנ"ך אַזוי גוט ווי די גוים, זיי האַלטן דעם תנ"ך פאַר גאָט'ס הייליקן וואָרט און זיי פאַרשטייען בכלל ניט קיין לי־טעראַטור.

נאָך מיט אַ דריי־פיר יאָר צוריק האָב איך געלייענט ביי אַ באַרימטן אידישן קריטיקער אַזאַ פזמון: ריידנדיק, גראָד ניט פון תנ"ך, נאָר פון אַפּאָטאָשו'ן דוכט זיך, האָט ער זיך אויסגעדריקט, אַז עס וועט נאָך נעמען דורות ביז אידן וועלן אָנהויבן פאַרשטיין ליטע־ראַטור. האָב איך עס געלייענט און געקנייטשט מיט די פּלייצעס: תורה פאַרשטייען אידן, גמרא פאַרשטייען זיי, זוהר פאַרשטייען זיי, דעם רמב"ם, רבי יהודה הלוי, דעם תניא פאַרשטייען זיי, נאָר קיין ליטעראַטור פאַרשטייען זיי ניט.

און איך האָב דעמאָלט גאַרניט באַגריפן ווי ווייט דעם קריטי־קער'ס געדאַנק איז פאַרשפּרייט צווישן אונזערע „קולטוריסטן".

וועגן דעם אַז גוים פאַרשטייען בעסער דעם תנ״ך ווי אידן, איז מיר שוין אויסגעקומען אַביסל צו ריידן פריער. נאָר דעם גאַנצן שטאַנדפּונקט פון דעמדאָזיקן צד געפין איך גלענצנד אויסגעדריקט פון שמואל לעווין, דעם דיכטער פון דער מלחמה־פּאָעמע „חזיונות״, אין אַן אַרטיקל אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע״ (מערץ 28, 1941). דער שרייבער פאַרכלינעט זיך ממש פון ליבשאַפט צום תנ״ך. איז דאָך גאָר וואויל. נאָר ער זאָגט:

„דאָך ווייסן אַ סך אַז וואָס שייך דער ביבל, זיינען מיר הינטער־שטעליק לגבי געוויסע אייראָפּעאישע קולטור־פעלקער. איך באַהויפּט אַז די מערהייט פון זיי האָבן זיך באַצויגן און באַציען זיך צום דאָזיקן ווערק מיט מער טיפקייט (און אפשר אויך פּיעטעט) ווי די גרויסע צאָל פון די אידן...

עסטעטישע געניסער פון דער ביבל זיינען ביי די אומות העולם געווים דאָ מער ווי ביי אונז, פשוט דערפאַר, ווייל דאָס עסטעטישע געניסן פון דער תורה איז פאַר די פרומע אידן פאַרבאָטן און דער עסטעטישער געשמאַק איז ביים גרעסטן טייל פון אונזערע נישט פרומע לייענער לוידער ביז איצט כמעט גאָרנישט, אָדער זייער שוואַך אַנטוויקלט. מ׳האָט זיי נישט געלערנט, זיי זיינען נישט געגאַנגען אין קיין שולן, וואו מ׳לערנט ליטעראַטור. וועגן די פרומע, דעם רוב מנין ובנין פון אונזער פאָלק, וועט מען מיר געוויס וואַרפן אין פּנים אַריין: „מיר זיינען דאָך אויפ־געשטאַנען און שלאָפן געגאַנגען מיט דער תורה! מיר האָבן זיך פאַר איר געלאָזט ברענען און בראָטן! צו פינף יאָר האָט אַ אינגל שוין אָנגעהויבן לערנען חומש! שבת האָט יעדער מאַנסביל געמוזט מעביר זיין די סדרה, שנים מקרא וואחד תרגום! ביים דאַווענען אין שול האָט מען געלייענט די תורה־ אפילו די פרויען; זיי האָבן געלייענט דעם טייטש־חומש! און תהלים״ — —

אמת, אמת. אין מקריב זיין זיך פאַר דער תורת הקדושה, לאָזן זיך קוילענען פאַר איר, שפּרינגען אין די פלאַמען אַריין מיט „שמע ישראל״ אויף די ליפּן פאַר דער הייליקער אמונה — דערין קאָן זיך קיין שום פאָלק מיט אונז נישט פאַרגלייכן. אָבער די צרה הויבט זיך אָן (וואָס שייך דעם תנ״ך) מיטן מעביר זיין די סדרה, לערנען אין חדר חומש א. אַז. וו. לאָמיר נישט אַריינפאַלן אין התפעלות און אין היסטעריקע... פון אַ געוויסן סאָרט „אין שול אַריין רופער״.

לאָמיר זיך זיין קלאָר — וואָס איז פאַר אַ טייל פון אונזער אידישער אינטעליגענץ שוין לאַנג קלאָר — אַז מיט דעם אָנהויבן חומש צו פינף יאָר אין חדר, מעביר זיין די סדרה און זאָגן תהלים, איז נישט געווען

אזוי, ווי פֿאַראינטערעסירטע ווילן דאָס איינרעדן; ערשטנס: מ׳האָט אָנגעהויבן לערנען מיט 5 יעריקע, נישט בראשית, וואו דער באַשאַף פֿון דער וועלט ווערט געשילדערט אויף אַ שיין נאַאיוון און פֿאַר דער קינדערשער פֿאַנטאַזיע צוגאַנגלאַכן אופֿן און ניט אַנדערע פֿאַר 5 יעריקע צוגעפּאַסטע מעשה׳לאַך (און זיי זיינען דאָ גענוג אין חומש), נאָר מיט ויקרא האָט מען אָנגעהויבן. צווייטנס: די מלמדים. יעדער געדענקט נאָך גוט, אַז דער גרעסטער טייל פֿון זיי האָבן זיך גענומען צו מלמדות, ווייל צו קיין אַנדערער פּרנסה האָבן זיי זיך נישט געקאָנט נעמען און פֿון צו זיין לערער זיינען זיי געווען זייער ווייט. אוודאי זיינען געווען אויסנאַמען און צוליב די דאָזיקע יחידים שרייען דאָס די קאָניונקטור-בעלי תשובות, אַז די מלמדים — זיי זיינען געווען די אידעאַלסטע פּעדאַגאָגן. דער אמת אָבער איז, אַז דער גרעסטער טייל תלמידים האָבן זיך אפילו קיין שייטל עברי ניט אויסגעלערנט, האָבן קיין שום טעם ניט געפֿילט אינם חומש און שפּעטער, ביים מעביר זיין די סדרה (צומיינסט געצוואונגענערהייט) האָבן זיי דערביי במעט קיין איין וואָרט ניט פֿאַרשטאַנען און אָפּגענאַרט: אי די (אָדער די אומשטענדן) וואָס האָבן זיי דערצו געצוואונגען, אי זיך אַליין, אי דעם רבונו של עולם. און ביי דער ערשטער געלעגנהייט האָט מען דעם חומש (שוין אָפּגערעדט פֿון אַנדערע ספרים) מער אין האַנט ניט גענומען. און די באמת פֿרומע (באמת זייער ווייניק), וועלכע האָבן געקאָנט און האָבן שבת געלערנט אַ פּרשה חומש מיט רש״י, האָבן דאָס געטאָן, ווייל אַזוי האָט גאָט געבאָטן און פֿאַר מקיים זיין זיינע מצוות ווערט געגעבן שכר אויף יענער וועלט און אויף דער וועלט.

אָבער „די מאַסן ביי די אומות העולם — אַזוי לאַנג ווי די ביבל און אויך דאָס צווייטע טעסטאַמענט זיינען נישט געווען איבערזעצט אין זייערע לשונות — האָבן זיי אין די קירכן, פֿרומע, מיט געבויגענע קעפּ, אויסגעהערט די לאַטייניש, פֿאַר זיי אומפֿאַרשטענדלאַכע ווערטער פֿון די בעלי-תפילות. אָבער ווען די ביבל איז איבערזעצט געוואָרן, האָבן די וואָס האָבן ניט געקענט לייענען (די אַנדערע האָבן צוגעהערט) זיך געקוויקט מיט די שיינע מעשה׳לאַך אינם חומש, וואָס האָבן גערעדט צו זייער פֿאַנטאַזיע. די פּסאַלמען האָבן זיי געלייענט, ווי פּאָעזיע וואָס אַפּעלירט צום געמיט. אַזוי ביז׳ן היינטיקן טאָג. די ביבל איז פֿאַר די ניט-אידישע אייראָפּייאישע קולטור-פֿעלקער געווען און פֿאַרבליבן נישט בלויז אַ הייליק — נאָר אַ גרויס ליטעראַריש ווערק״.

די צייט האָט זיך אָבער שוין אַ סך געענדערט (ביי אידן, הייסט עס) און ענדערט זיך פֿון טאָג צו טאָג מיט אומגעהויערער שנעלקייט איצט. און ניט צום ערגערן, נאָר די ענדערונג פֿירט צו מער דערקענטעניש, צו מער קלאָרקייט און גייסטיקייט. די ביבל האָט אָנגעהויבן ווערן און

וועט פאַר אַלע אידן, אפילו פאַר די ראַדיקאַלן, זיין אַלץ מער, ניט אַ תורת הקדושה געגעבן פון גאָט אויפן באַרג סיני, נאָר דאָס גרעסטע ווערק אין דער וועלט. ביטע צווישן אַלע מיטאָלאָגישע שריפטן אַזאַ אַלץ אַרומפאַסנדיק, פּאָעטיש, קינסטלעריש, דראַמאַטיש, ליריש און עפּיש ווערק ווי ס'איז דער תנ"ך!"

דאַ האָט איר דעם גאַנצן תנ"ך־שטאַנדפּונקט פון דעם נייעם צד אין טיש.

ס'איז שיין אויסגעדריקט, נאָר ווי צו די אויערן וואָס הערן אַזעלכס...

ווי עפנט זיך ביי אַ אידן דאָס מויל צו זאָגן, אַז דאָס עסטעטישע געניסן פון תנ"ך ביי גויים איז העכער ווי דאָס שטאַרבן אויף קידוש השם פאַרן תנ"ך ביי אידן? ווי עפנט זיך דאָס מויל ביי אַ אידן צו זאָגן, אַז די מאַסן ביי די אומות העולם, אין די קירכן, האָבן זיך מער געקוויקט מיט דער תורה ווי דער איד ביים מעביר זיין די סדרה שבת אָדער דאָס אינגל ביים לערנען חומש אין חדר? ווי עפנט זיך דאָס מויל ביי אַ אידן צו זאָגן, אַז די „פּסאַלמען" האָבן פאַר די גויים געהאַט אַ העכערן זין ווי „תהלים" פאַר אידן? ווי עפנט זיך ביי אַ אידן דאָס מויל צו זאָגן אַז פרומע אידן האָבן קיין שום טעם ניט געפילט אין דעם חומש און האָבן נאָר געהאַנדלט מיטן רבונו של עולם, בשעת די „מאַסן ביי די אומות העולם" האָבן געהאַט דערביי די אמת'ע פרומקייט און גאָטספאַרכטיגקייט? און ווי עפנט זיך ביי אַ אידן דאָס מויל אָנצוזאָגן ווי אַ בשורה, אַז די ביבל הערט־אויף צו זיין אַ תורה הקדושה, נאָר ווערט גלאַט „דאָס גרעסטע ווערק", און דאָס זאָל באַדייטן „מער דערקענטעניש, מער קלאָרקייט און מער גייסטיגקייט"?

ס'איז דאָך ממש שומו שמים!...

און איך וויל פרעגן דעם מחבר:

וואָס איז דאַ די שמחה? איז „עסטעטיק" אַ העכערע זאַך ווי „קדושה"? איז דאָס געפיל פון שיינקייט אַ שענער געפיל ווי דאָס געפיל פון הייליקייט? האָבן די גויים טאַקע אַריינגעלייגט מער גייסטיקייט אין תנ"ך ווי די אידן? אין דער גייסטיקייט וואָס די

אידן האָבן אַריינגעלייגט בלויז אין דעם איין אות „ב" פון בראשית איז דאָ מער רייכקייט, ווי אין דער פּאָעזיע פון אַ האַלבער וועלט!

דאָס גאַנצע גליק, מיינט דער שרייבער, ליגט אין דעם וואָס די פּסאַלמען האָבן די גויים „געלייענט ווי פּאָעזיע". ער מיינט, ער האָט אָנגעכאַפּט דעם וועלט־גייסט ביי דער באָרד, ווען ער זאָגט אַז ס'איז „נישטאָ צווישן אַלע מיטאָלאָגישע שריפטן אַזאַ פּאָעטיש, קינסטלעריש, דראַמאַטיש, ליריש און עפּיש ווערק ווי ס'איז דער תנ"ך". ווּעמען שרעקט מען דאָס מיט די אַזוי אינטעליגענטיש־קלינגענדיקע ווערטער „דראַמאַטיש", „ליריש", „עפּיש"? און אַז דער איד ווייס ניט אַז ער טרינקט „אַקוואַ פּוראַ" ציט ער ניט געגוס און לעבן פון וואַסער? און אַז די נאַציס ווייסן שוין יע וואָס „ליריק" איז, האָבן זיי ניט צעטראָטן די „פּסאַלמען" מיט די פיס? איך וואָלט געקענט שווערן אַז דער בעל־התהלים האָט גאָרניט גע־וואוסט אַז ער שרייבט „ליריק" און אַז דער מחבר פון „איוב" האָט קיינמאָל ניט געהערט דאָס וואָרט „דראַמע".

אַן אומגליק האָט געטראָפן דעם אידישן פאָלק וואָס מען האָט אין חדר און ישיבה ניט „אַנאַליזירט" קיין יאַמבן און טראָכייען, אָדער ניט פאַרטייטשט וואָס עס מיינט קלאַסיציזם און ראָמאַנטיזם! זיי, די אידיש־וועלטלאַכע, קענען גאָרניט מוחל זיין דעם חטא...

איך וואָלט נאָך געוואָלט פרעגן דעם שרייבער פונוואַנען ער האָט גענומען אַז דער הייליקער „עסטעטישער גענוס" פון דער תורה איז „פאַר די פרומע אידן פאַרבאָטן"; און וואָס מיינט עס בכלל „עסטעטישער גענוס", און מיט וואָס קדושה'דיקער גענוס איז ניט עסטעטיש.

איך קען דערויף זאָגן נאָר איינס: די וועלטלאַכע אידן מיט זייער „ליטעראַרישן" צוגאַנג צום תנ"ך זיינען געגליכן צו די גויים וואָס קומען עסן אידישע פיש פרייטיק־צונאַכטס: דעם טעם פון די פיש פילן זיי טאַקע, נאָר דעם טעם פון דעם שבת־קודש פילן זיי ניט.

ווי קען מען גאָר באַנוצן דאָס וואָרט „ליטעראַטור" אָדער „קונסט" פאַרן תנ"ך? מיט וואָס וועט איר אים פאַרגלייכן? וועל־

כע ליטעראַרישע ווערק, וועלכע גרופּע ליטעראַרישע ווערק, וועלכע גרופּע ליטעראַטורן, האָבן באַוויזן אַזאַ כח צו באַצווינגען דעם גע־דאַנקענגאַנג פון דער מענשהייט ווי דער תנ״ך, אַזוי באַאיינפלוסן די גאַנצע געשיכטע ווי ער? דער תנ״ך ליגט אינגאַנצן דרויסן פון די באַגריפן „ליטעראַטור" אָדער „קונסט". ניטאָ פּאַר אים קיין נאָרמע. ער איז זיין אייגענע נאָרמע. עס ליגט אין אים עפּעס מער ווי דאָס וואָס ווירקט אין ליטעראַטור און קונסט. ביי אַלע ליטע־ראַרישע און קונסט־ווערק, ווי גרויס זיי זאָלן ניט זיין, פילט איר אַז זייערע שעפער זיינען נאָך אַלץ גרעסער ווי די ווערק, ביים תנ״ך פילט איר אַז די ווערק זיינען גרעסער ווי זייערע שעפער: אַ באַווייז אויף חלק אלה ממעל.

אָפּט דוכט זיך מיר, אַז נאָר די אַסטראָנאָמען, וועלכע באַדן שטענדיק זייערע אויגן אין די אומגעהויערע ליכט־שיינקייטן פון די וועלטן און שטרעבן צו באַנעמען די אומענדלאַכקייט פון די רוימען — נאָר זיי קענען האָבן אַ באַגריף פון דעם תנ״ך. אַהער, צו די שטערן, צו די הימלען, צו די זונען געהער דער תנ״ך, ניט צו „ליטעראַטור". ער איז אַ נאַטור־קראַפט, אַ צווייטע זון, אַ צווייטע גראַוויטאַציע, די גייסטיקע גראַוויטאַציע פון די וועלטן.

אָבער „ליטעראַטור" — דאָס איז חוזק.

בכלל, די באַהויפּטונג אַז די גוים האָבן געמאַכט אַ גרעסערן וועזן און אַ גרעסערן ווערט פון דעם תנ״ך איידער די אידן איז אַזאַ קאָלאָסאַלער אומזין, אַזאַ פאַרדרייאונג פון געשיכטע, אַז ס׳איז גאָר שווער צו זאָגן פון וועלכער זייט איר זאָלט אָנהויבן פאַנאַנדערדרייסן דעם ליגן. אויפן תנ״ך איז געבויט די משנה, אויף דער משנה איז געבויט די גמרא, אויף דער גמרא איז געבויט די הלכה, אויף דער הלכה איז געבויט דער שלחן ערוך, אויפן שלחן ערוך איז געבויט דער אידישער שטייגער, אויפן אידישן שטייגער זיינען געבויט די אידישע ליטעראַטורן, און אַלץ איז דאָ צוזאַמענגעקנופּט און צוזאַ־מענגעוועבט ווי די צעלן פון אַ גאַנצן גוף — וואו הערט דאָ אויף די ראָלע פונם תנ״ך? און וואו איז דאָ גאָר צו פאַרגלייכן די גוים מיט די אידן?

דאָס זיינען די וועלטלאכע אידן וואָס זיינען הינטערשטעליק געבליבן לגבי די גוים בנוגע דעם תנ"ך, ניט אידן. דאָס זיינען זיי שוין באַלד צוויי דורות אָפּגעפרעמדט פון דעם תנ"ך און האָבן אויפגעצויגן קינדער וואָס ווייסן ניט פון דעם תנ"ך און וועלן שוין ניט וויסן. ביי זיי, און ניט ביי אידן, איז איבערגעריסן געוואָרן דער אינערלאכער צובונד צום תנ"ך!

און איצט אַז זיי האָבן ענדלאַך צוריק „אַנטדעקט" דעם תנ"ך, האָבן זיי אים אַנטדעקט „ביי די גוים"! און זיי ווילן נאָך דעמדאָזיקן גוי'עשן תנ"ך־גייסט אַרויפצווינגען אויף די אידן וואָס האָבן זיך קיינמאָל ניט אָפּגעריסן פון אים.

פאַר אידן איז דער תנ"ך, און זיין גאַנצער באַכוואוקס, ניט קיין „קונסטווערק". ער איז אַלץ: רעליגיע, פילאָזאָפיע, וועלט־אַנשוי־אונג, טעאָריע און אויך פראַקטיק, טאָג־טעגלאַך לעבן, שטייגער, עטיק און עסטעטיק, היגיענע און אפילו — עטיקעטע. פון אים האָבן די מייסטערס פון אונזער לעבן געצויגן אַלץ, אפילו ווי אַזוי צו גיין און ווי אַזוי צו שטיין, ווי אַזוי זיך צו ליגן און ווי אַזוי זיך אויפ־צוהויבן, ווי אַזוי צו זיצן ביי אַ טיש, אפילו וועלכן שוך זיך אַנצוטאָן פריער, און ווי אַזוי אָפּצוגיסן נעגל־וואַסער. ס'איז איין קייט. וואָס ווייסן די גוים פון תנ"ך?

איך האָב זיך אָפּגעשטעלט אַזוי אויספירלאַך אויף דעמדאָזיקן צוגאַנג צום תנ"ך פון אונזערע „וועלט־מענשן", ווייל דאָס איז דער גייסט אין וועלכן ער ווערט באַהאַנדלט אין דער אידישיסטישער שול.

און דאָס איז אויך אַ זעלבסטפאַרשטענדלאַכע זאַך אַז אין דער אידישיסטישער שול ווערט דער תנ"ך געלערנט, ניט פון אָריגינאַל, נאָר פון אידישער איבערזעצונג (אַן אויסנאַם זיינען נאָר די פאָלקס־שולן פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד).

און דאָס גופא איז אַ גוי'עשער דרך.

ס'איז אַזוי מעגלאַך צו לערנען און קענען תנ"ך פון אידיש, אָדער פון אַן אַנדער איבערזעצונג, ווי ס'איז מעגלאַך זיך אויסצולער־נען שווימען אויף דער יבשה.

אָן איבערזעצונג, אפילו די בעסטע, גיט דעם תנ"ך נאָר אין איין קאָליר, בשעת אין דעם אָריגינאַל, מיט זיין פילפאַכער באַדייטונג פון ווערטער, איז דער תנ"ך שענער פון דעם רעגנבויגן.

שטעלט זיך,אדרבא, פאַר דעם רעגנבויגן אין הימל ווען איר זאָלט איבערלאָזן נאָר איין פאַרב און אַרויסציען אַלע איבעריקע פאַרבן.

דער תנ"ך איז ניט בלויז דאָס וואָס זיינע ווערטער זאָגן אויבנאויף, נאָר וואָס אידן האָבן אַריינגעלערנט אינווייניק אין די ווערטער, אפילו אין די אותיות!

דער מדרש פרעגט: פאַרוואָס איז די וועלט באַשאַפן געוואָרן מיט אַ „ב"? ווייל „ברכה" הויבט זיך אָן מיט אַ „ב". און פאַרוואָס ניט מיטן אַלף? ווייל אָרור (פאַרשאָלטן) הויבט זיך אָן מיט אַן אלף.

איר האָט שוין דאָ אַ גאַנצע וועלט-אַנשויאונג, די אידישע באַיאָונג פון לעבן. דאָס לעבן איז גוט, די וועלט איז גוט. די וועלט איז אַ ברכה, ניט קיין קללה. אַנטקעגן אַלע פעסימיסטישע רעליגיעס, ווי בודהיזם און אפילו קריסטנטום, און אַנטקעגן אַלע פילאָזאָפן, ווי לוקרעציוס און שאָפּענהאַוער, וואָס האָבן געלערנט אַז דאָס לעבן איז אַ פינסטערע זאַך, אַז די וועלט איז אַ גרייז, אַ טעות, אַ פינסטער שפּיל.

אָן אַנדער מדרש דרש'נט אַזוי פאַרוואָס די וועלט-באַשאַפונג אין דער תורה הויבט זיך אָן מיט אַ „ב": דער „ב" איז אויף דריי זייטן פאַרמאַכט און אויף איין זייט אָפן, אָפן צו דער זייט פון דער בריאה, און דאָס קומט צו ווייזן אַז די גאַנצע וועלט שטייט פאַר דיר אָפן צום פאָרשן און דערלערנען, און דאָס וואָס איז אָפּגעשלאָסן און דרויסן פון דער וועלט דאַרפסטו ניט פאָרשן.

און ווידער האָבן מיר דאָ אַ אויסגעדריקט אַ גוואַלדיקן אידישן עיקר, אַ גרונט-שטריך פון דער אידישער נשמה און פון דער אידישער רעליגיע, דעם אידישן פּראַגמאַטישן גייסט, וואָס האָט זיך קיינמאָל ניט געלאָזט שטאַרק אַוועקרייסן אין מיסטיציזם. דאָס דערקלערט פאַרוואָס די נביאים, ווי די אידישע רעליגיע בכלל, האָבן

מער ווי אַנדערע רעליגיעס און פילאָזאָפיעס זיך אָפּגעגעבן מיטן פּראַקטישן לעבן, מיט סאָציאַלער גערעכטיקייט.

דאָס אַלץ, און נאָך בערג מיט געדאַנקען און וואונדערלאַכסטע דיכטונגען, אָנגעקניפּט אויף אַן איינאיינציקן, ערשטן אות פון תנ״ך!

און בכלל די באַלעבונג פון אותיות וואָס שטאַמט פון דאַנען, די פאַרשטעלונג אַז יעדער אות איז אַ לעבעדיקע וועלט פאַר זיך; און די אגדות ווי אַזוי די אותיות פון אלף־בית זיינען געקומען פאַר גאָט בעטן, יעדערער אַז די וועלט זאָל באַשאַפן ווערן מיט אים (דעם „שין״ האָט גאָט אָפּגעזאָגט ווייל מיט אים הויבט זיך אָן „שקר״!), און דער געדאַנק פון גימטריאות וואָס שטאַמט אַרויס פון דאַנען, און אַזוי ווייטער און ווייטער, ווער קען גאָר אויסשעפּן אַלע שיינקייטן?

אָבער דאָס אַלץ ווערט מיט איין קלאַפּ אָפּגעהאַקט ווען די אידישע איבערזעצונג הויבט זיך גאָר אָן מיט אַן אלף: „אין אָנהויב האָט גאָט באַשאַפן וכו׳.

פאַרשטייט זיך, אַז דאָס אייגענע איז מיט די איבערזעצונגען אין אַלע אנדערע שפּראַכן.

און נאָך זאָגן אונזערע וועלטלאַכע אידן אַז די גוים פאַרשטייען בעסער דעם תנ״ך און ער מיינט מער פאַר זיי ווי פאַר די אידן...

ניין, איר „אויפגעקלערטע״:

צווישן דעם תנ״ך און די אידן איז דאָ אַן אייגענע אינטימע שפּראַך וואָס קיין פרעמדע קענען גאַרניט פאַרשטיין.

אפילו ווען די פרעמדע זיינען אידן...

דער „חומש פאַר קינדער לויט יהואָש"

ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרן אויבן, ווערט דער תנ"ך נאָר אין די פאָלק־שולן געלערנט אין דעם אָריגינאַל. וויפיל פון דעם תנ"ך ווערט דאָ געלערנט און אין וועלכן גייסט, איז אַן אַנדער פראַגע. מ'קען אין הבערעאיש אויך לערנען דעם תנ"ך נאָר ווי „ליטעראַ־טור". און מיר האָבן שוין געזען אַז דער תנ"ך קען ניט געלערנט ווערן ווי ליטעראַטור. אפילו ניט די נביאים, וואָס אונזערע וועלט־לאכע און פריידענקער נעמען שוין אָן מיט ביידע הענט. וואָרים עפעס שטימט דאָ ניט ווען מען זאָגט אַז אין די נביאים גלויבט מען, נאָר אין וואָס די נביאים האָבן געגלויבט גלויבט מען ניט.

ווען אַ קינד „וויס" אַז קיין גאָט איז ניטאָ און דערנאָך לייענט עס ווי דער נביא זאָגט: „און גאָט האָט געזאָגט צו מיר" וכו', וואָס זאָל דאָס קינד טראַכטן פון דעם נביא? אַז ער איז אַ ליגנער. אָדער אַ נאַר.

ווער עס נעמט ניט אַן דעם תנ"ך ווי ער איז, פאַר יענעם בלייבט ער אַ פאַר'חתמ'עט בוך.

נאָר אין די אַנדערע, די שטרענגער אידישיסטישע שולן, וואו פאַרן תנ"ך איז סוף כל סוף געעפנט געוואָרן אַ שפּעלטעלע, איז עס געווען, קודם, אין אידיש, צוערשט אין יעקב לעווינ'ס פּאַראַפראַזע, דערנאָך אין טיילן פון יהואָש'ס איבערזעצונג, און צולעצט אין דער פאָרמע פון אַ קיצור חומש, דעם „חומש פאַר קינדער" לויט יהואָש. און וועגן אים איז נויטיק זיך אָפּצושטעלן באזונדער.

אויב מ'וויל געבן אַ קינד אַ צעקריפּלטן באגריף וועגן דער תורה זאָל מען אים געבן דאָס דאָזיקע חומש'ל.

ווען אַ פֿרומער איד וועט אין אַ חומש געפֿינען אַז עס פֿעלט אַ פּסוק אָדער אפילו נאָר אַ וואָרט, וועט עס פֿאַר אים זיין אַ פּסול׳ער חומש. אַפּשיטא שוין דער „חומש פֿאַר קינדער״ וואָס אין אים פֿעלט ממש אַלץ.

קומט און זעט ווי לייכטזיניק מען פֿאַרהאַלט זיך ביי אונז צו אונזערע גרעסטע הייליקטימער. אין זייער פֿאָרוואָרט צום „חומש פֿאַר קינדער״ זאָגן די ארויסגעבער אַז ס׳איז שטענדיק געווען דער וואונטש פֿון יהואַש׳ן אַליין ארויסצוגעבן אַ קיצור חומש. „און אַ וואונטש פֿון יהואַש׳ן איז פֿאַר אונז, די יורשים און ארויסגעבער, כמעט ווי אַ צוואה״. זייער שיין. אַ צוואה דאַרף מען האַלטן. אָבער ס׳איז דאָ אַ גרעסערע צוואה פֿון יהואַש׳ס, די צוואָה פֿון משה רבינו אַליין: איר זאָלט ניט צולייגן און ניט אַראָפּנעמען.

איר וואָלט געדאַרפֿט אויך זען, אין דעם „נאָכוואָרט״ פֿון דעם צוזאַמענשטעלער, מיט וואָס פֿאַראַ פֿרומקייט ער פֿאַרענטפֿערט זיך למאי ער האָט דאָ און דאָרט געענדערט יהואַש׳ס אַן אויסדרוק אויף אַ מער פֿאָלקסטימלאכן, און ער פֿאַרזיכערט אַז די ענדערונג האָט ער אויך דאָס רוב גענומען טאַקע פֿון יהואַש׳ס כתב־יד׳ן. אָבער דעם טעקסט פֿון דער תורה אַליין צו שניידן, שניידן ווי אַ גזלן — דאָס איז רעכט געווען.

די ארויסגעבער בארעכטיקן זיך: אָט האָט דאָך ביאַליק אויך אַרויסגעגעבן „ספּורי המקרא״. אָבער ספורי המקרא מיינט — די מעשות פֿון חומש, ניט חומש.

און ס׳איז דאָ נאָך אַ וויכטיקער חילוק: ביאַליק׳ס איז אין העברעאיש, ס׳איז נאָר אַ טייל פֿון דעמזעלבן גאַנצן חומש, און ס׳איז ענלאך צו דער מעטאָדע פֿונ׳ם חדר, וואו די קלענערע קינ־דער פֿלעגן ניט אויסלערנען די גאנצע סדרה פֿון דער וואָך, נאָר אַ דריי־פֿיר פּרשות. און ואחרי ככלות הכל האָט עס אפשר ביאַליק אויך ניט געדאַרפֿט טאָן.

פֿון יהואַש׳ס „חומש פֿאַר קינדער״ וועט דאָס קינד אפילו ניט זען פֿאַרוואָס עס הייסט חומש. ניטאָ דאָרט קיין פֿינף ספרים. אַלץ

איז צונויפגעפרעסט אין איין קליינעם ספר. פרשות זיינען אריינ־געשניטן אין פרשות, פסוקים אריינגעריסן אין פסוקים, אזוי אַז עס באַקומט זיך אַמאָל דערפון אפילו אַן אַנדערער זין אין דעם אינהאַלט.

דער גאַנצער „חומש פאַר קינדער" איז אריינגעדריקט אין אַ שטח קלענער אפילו ווי איין ספר פון דער תורה. דאָרט וואו יעדער אות איז קדש־קדשים, וואו אפילו אויף די פּינטעלאך זיינען גע־דרש'עט געוואָרן וועלט־מיסטעריעס, האָט דער רעדאַקטאָר געקאָסעט ממש ווי אַ פּויער קאָסעט היי.

אפילו ווען די תורה וואָלט טאַקע געווען ניט מער ווי „ליטע־ראַטור" טאָר מען אויך אַזאַ זאַך ניט טאָן. וואָרים אַז מען צע־שניידט אַ ליטעראַרישׁ ווערק מוז עס פאַרלירן אַ טייל פון זיין קינסטלערישן ווערט.

און אזוי איז טאַקע אין דעם „חומש פאַר קינדער" פאַרלאָרן געגאַנגען די גאַנצע פורכטבאַרע גראַנדיעזקייט פון דער תורה. די ארויסגעבער האָבן דאָ אונטערגעטראָגן דעם אָקעאַן אין אַ טיי לעפעלע. זיי האָבן ארויסגעגעבן דעם קאָסמאָס אין אַ טאַשן־אויסגאַבע. אדרבא, קוקט אַריין אין אַ טיי־לעפעלע מיט ים־וואַסער און פּרובט זעט דאָרט די גוואַלטיקע מאַיעסטעטישקייט פון דעם אַטלאַנטיק!

אפילו ריין ליטעראַריש גערעדט דאַרף מען זיין אַ טויבער מענש צונויפצוגיסן אַלע פינף חומשים אין איין ספר. וואָרים ווער פילט עס ניט אַז יעדער איינער פון די פינף ספרים האָט זיין אייגענעם טעם, זיין אייגענעם אַראָמאַט, זיין אייגענע אַטמאָספערע? איז דער טעם פון דעם ספר בראשית דער אייגענער וואָס פון ספר דברים? ווי דער חומש ווערט געלערנט אין חדר, אין סדר פון די פרשות לויט'ן ציקל פון יאָר, איז דער חומש אויף אַ וואונדערלאכן אופן צונויפגעגאָסן מיטן גאַנצן גאַנג פון דער נאַטור. בראשית, וואו די וועלט ווערט געשילדערט אין איר אָנפאַנג פון טויטן כאַאָס, דורכן כאַאָס פון דעם דור הפלגה און דעם מבול, פאַלט זיך צונויף מיטן ווינטערדיקן טויט און כאַאָס פון דער נאַטור. און דער ספר דברים וואָס פאַרכאַפּט אזוי טיף דאָס האַרץ מיטן זון־פאַרגאַנג פון משה'ס לעבן, מיט דער אומענדלאכער בענקשאַפט וואָס ליגט אין זיין גע־

זעגענען זיך מיט זיין פאָלק, אין זיין שיידן זיך מיט זיין גרויסן חלום צו זען דאָס לאַנד פון זיין שטרעבן, טרעפט זיך צונויף מיט דער טראַגישער שיינקייט פון דעם האַרבסטיקן זומער וואָס גייט אויך אַוועק פון דער וועלט און שיידט זיך מיט ערד, וויזן, טייכן און וועלדער. אינצווישן — די אַנדערע ספרים וואָס גיסן צונויף דאָס אויפקומען פונם אידישן פאָלק און זיין צייטיק ווערן אַלס פאָלק מיטן אויפוואַכן פון דער נאַטור אין פרילינג און איר צייטיק ווערן אין זומער. פאַרן חדר־אינגל, און פאַרן פרומען אידן זיין גאַנץ לעבן, איז דער חומש — די פאַרטייטשונג פון דער נאַטור, און די נאַטור — אַ שפּיגל פון דעם חומש, אַלץ צונויפגעגאָסן אין איין פּאָעטישער, מיסטישער גאַנצקייט.

דאָס אַלץ ווערט מיט אַ גראָבער האַנט פאַרניכטעט אין דעם קיצור „חומש פאַר קינדער״.

אַפילו ווען מען לערנט שוין דעם חומש אין אידיש, פאַרוואָס ניט לערנען די גאַנצע סדרה פון דער וואָך, לויט דעם ציקל פון יאָר, און אויף אַזאַ אופן מיטגיין מיט׳ן ציקל פון דער נאַטור און מיט אַלע אידן?

אָבער ניין, דאָס איז ניט אַזוי פשוט! די וועלטלאַכע אידן נעמען ניט אָן די גאַנצע תורה. זיי דאַרפן צושניידן די תורה נאָך זייער אייגענער קליינער מאָס. און אַזוי איז געטאָן געוואָרן מיטן קיצור חומש לויט יהואש.

וואָס האָבן די צוזאַמענשטעלער אַרויסגעוואָרפן פון דעם חומש כדי צו דערגרייכן זייער קיצור?

עס וואָלט דאָ גענומען צו לאַנג אויסצורעכענען. בלויז אייניקע ביישפּילן וועלן גענוג זיין.

קודם כל האָט מען אויסגעלאָזט די געשיכטן וואָס האָבן צו טאָן מיט געשלעכט. דאָס איז ניט שיין לויט׳ן געשמאַק פון אונ־זערע וועלטלאַכע. זיי האָבן אַ בעסערן געשמאַק ווי די תורה. יעקב לעווין האָט אויסגעדריקט די „פילאָזאָפיע״ פון דעמדאָזיקן געשמאַק ווען ער האָט אין אַן אַרטיקל זיך אויסגעדריקט אַז געוויסע

מעשות פון חומש זיינען „פּאַרנאָגראַפיש, וואָס קיין פּאָטער וויל ניט אונטערטראָגן דעם קינד". דערפון דאַרף מען דרינגען אַז אונ־זערע אַלע פאַרגאַנגענע דורות, אונזערע פרומע זיידעס און כשר'ע באָבעס, זיינען ניט געווען אַזוי מאַראַליש זויבער ווי יעקב לעווין און זיין דור...

נאָר ס'איז אַ מאָדנע זאַך מיט אונזערע פּראָגרעסיסטן. די סאַמע פּראָגרעסיווסטע דערציאונג־טעאָריעס פון אונזער צייט פאָדערן דוקא אַז מ'זאָל די קינדער אין די שולן דערקלערן „די פאַקטן פון לעבן". און אין אַ סך שולן איז עס טאַקע איינגעפירט געוואָרן. נון, האָט עס די תורה געהאַט און אונזער חדר האָט געוואוסט ווי אַזוי צו באַהאַנדלען די זאַכן איידל און כשר.

איז אין דער מאָדערנער דערציאונג די זאַך, פאַר אונזערע פּראָגרעסיסטן, „פּראָגרעס". קומט אָבער צום חדר און דער תורה ווערט עס פלוצלינג „פּאַרנאָגראַפיע". איז עס ניט צום לאַכן?

צום לאַכן איז אויך ווען איר דערמאָנט זיך אַז מ'דאַרף פון די קינדער באַהאַלטן די געשלעכט־געשיכטן פון דער תורה בשעת די היינטיקע קינדער, דורך דעם פילם, דורך די בולוואַר־צייטונגען און דורך די נאַקעטקייט־זשורנאַלן, באָדן זיך ממש אין זנות.

אין דעם טייל וואָס האָט צו טאָן מיט אברהמ'ן איז אויסגע־לאָזט געוואָרן דער ענין ברית־מילה. פאַרוואָס? אַזוי „אומשולדיק" זיינען שוין די היינטיקע אידישע קינדער?

אויסגעלאָזט געוואָרן איז דער גאַנצער ספר ויקרא. ווען איך האָב זיך נאָכגעפרעגט פאַרוואָס, האָט מען מיר געענטפערט: היינט ברענגען דען אידן קרבנות?

און איך האָב דערויף געענטפערט: אויב אַזוי, טאָ פאַרוואָס האָט מען שוין אויך ניט אויסגעלאָזט דעם ענין שבת? די מאָ־דערנע אידן היטן דען שבת? אָדער כשר און טריף? די אידי־שיסטישע שול לערנט דען די קינדער צו היטן כשרות? צו וואָס בכלל לערנען אַ תורה וואָס איז ניט צום האַלטן, ניט אויסצוהאַלטן?...

נאָר וואָס וועט ווערן פון דער תורה ווען יעדערער וועט אויס־לאָזן וואָס אים געפעלט ניט? די גנבים וועלן אויסמעקן דעם לא תגנב; די גזלנים וועלן אויסמעקן דעם לא תרצח; די פּראָס־טיטוטקעס וועלן אויסמעקן דעם לא תנאף; די קאָמוניסטן וועלן אויסמעקן דעם כבד את אָביך, גראָדע ווי יעקב לעווין האָט אויס־געמעגט דעם אָנכי ה׳, און יעדער איינער וועט זיך האָבן אַ תורה וואָס לוינט זיך פאַר אים.

די ארויסגעבער פון דעם „חומש פאַר קינדער״ האָבן זיך אפילו פאַרזאָרגט מיטן געזעץ אַז די תורה זאָל זיין זייער פּריוואַט אייגנטום. אין דעם „קאָפּיראַיט״ זאָגן זיי אָן אַז זיי באַהאַלטן אַלע רעכט צו דער יהואַש איבערזעצונג, צום פּירוש, צום גלאָסאַר — וואָס דאָס וואָלט נאָך געווען פאַרשטענדלאַך, כאָטש רש״י האָט אין ערגעץ ניט אָנגעזאָגט אַז הזהר והזהר, באנוצט זיך ניט מיט מיין פּירוש. נאָר די ארויסגעבער זאָגן אויך אָן אַז מ׳טאָר זיך אויך ניט באנוצן מיט׳ן „ספּעציעלן אויסוואַל, אַראַנזשירונג און פּרעזענטאַציע פון דעם טעקסט ווי אין דעם בוך״.

דאָס הייסט, אַז אויב נאָך עמיצער וועט וועלן ארויסגעבן אַ קיצור־חומש וועט ער שוין מעגן נעמען נאָר דאָס וואָס די איצטיקע מחברים האָבן אויסגעלאָזט. פאַר יענעם הייסט עס, בלייבן שוין נאָר די פאַרנאָגראַפישע מעשות, די קרבנות און די מילה...

און וואָס ווערט פון דער טראַדיציע: מה אני בחנם אף אתם בחנם?

אין דעם אויסלאָזן פון דעם ספר ויקרא ווערט, אויסער אַלעמען, זיך איזדיעקעוועט איבער אַן אַלטער, אַלטער אידישער טראַדיציע. פון אייביק אָן האָט זיך אין חדר געפירט אַז ווען אַ אינגל האָט אָנ־געהויבן לערנען חומש האָט מען מיט אים אָנגעהויבן מיט ויקרא. ניט דעם גאנצן ספר ויקרא האָט מען מיט אים געלערנט, נאָר די ערשטע פרשה אָדער די ערשטע עטלאכע פסוקים. דער שורש פון דעם מנהג ליגט אין דער טונקעלער פאַרגאַנגענהייט. אין אַן אַלטן ספר ווערט געזאָגט אַז דאָס איז כדי, סימבאָליש, ארייַנצופירן דאָס קינד אין דעם זין פון עבירות און סליחה. אַ נייערע טעאָריע דער־

קלערט עס אַזוי: דער סאַמע אָנהויב פון דעם חדר אין אַלטן ארץ ישראל איז געווען פאַר די קינדער פון די כהנים, און זיי האָבן גע־דארפט לערנען די עבודה פון בית־המקדש. און פון דעמאָלט אָן ציט זיך די טראַדיציע אין חדר ביז היינטיקן טאָג. וואָס קען זיין שענער ווי אַזאַ אַלטע טראַדיציע, וואָס פאַרבינדט דעם חדר היינט אין אַ דירעקטער ליניע מיט אַזאַ אַלטן אַמאָל? ווער עס האָט נאָר פיעטעט וועט שטרעבן אויפצוהאַלטן אַזאַ זיסן מנהג.

אָבער וואָס איז אָן אַלטע אידישע טראַדיציע פאַר מאָדערנע, פּראָגרעסיווע אידן?

אָט אַזוי רייסט מען שטיקער פון אידישן שטייגער.

און ס'איז דאָ נאָך אַ זאַך וואָס איז טיף פאַרבונדן מיטן „חומש פאַר קינדער" און מיט דער גאַנצער יהואָש'ס תנ"ך־איבערזעצונג: אונזערע וועלטלאַכע זיינען גרייט אַז דידאַזיקע איבערזעצונג זאָל פאַרנעמען ביי זיי דעם פּלאַץ פון דעם אָריגינאַל. דאָס איז דאָך אין תוך אָן אומפאַרמיידלאַכע זאַך אויך, דאָרט וואו מ'האָלט ניט פאַר בּויטיק צו לערנען קיין העבּרעאיש און אפילו ניט קיין עברי. האָבן זיי דעריבער אויפגעהויבן אַזאַ טאַראַראַם איבער דער יהואָש־איבערזעצונג אַז מ'וואָלט געקענט מיינען אַז יהואָש'ס איז דער תנ"ך און די העברעאיש איז די איבערזעצונג...

ווען יהואָש לעבט און זעט עס צו, וואָלט ער זיך אַליין דערפאַר דערשראָקן. ער וואָלט זיך דערמאָנט אָן דער גמרא וואָס זאָגט אַז דער טאָג ווען די ערשטע תנ"ך־איבערזעצונג איז געמאַכט געוואָרן איז געגליכן צום טאָג ווען דער עגל איז געמאַכט געוואָרן.

ממש אַזוי ווי די אידן אין מדבר האָבן געטאַנצט אַרום דעם עגל הזהב, אַזוי טאַנצן אונזערע וועלטלאַכע אַרום דער יהואש־איבער־זעצונג, אין אונזער מאָדערנעם מדבר...

אין דעם ים מיט זאַכן וואָס זיינען געשריבן געוואָרן אין שייכות מיט דער איבערזעצונג איז ארויסגעזאָגט געוואָרן דער געדאַנק אַז אידן וועלן איצט קענען מעביר זיין די סדרה שנים מקרא ואחד יהואָש. ס'איז ניט געזאָגט געוואָרן אַז די מאָדערנע זאָלן אַליין

אָנהויבן מעביר זיין די סדרה און איינפירן פאַר זיך דעם תרגום יהואָש. נאָר אַלץ פאַר די אנדערע. אָבער יענע וואָס זיינען מעביר וועלן זיך שוין מסתמא עלטערן מיט תרגום אונקולוס.

ס'איז אויך אַרויסגעזאָגט געוואָרן דער געדאַנק אַז די יהואָש־איבערזעצונג זאָל פאַרנעמען דעם פלאַץ פון דעם אַלטן טייטש־חומש. ווי גרינג אונזערע וועלטלאכע וואַרפן זיך עס אַרום מיט אונזערע אַלטע טראַדיציעס און אינסטיטוציעס...

און דאָס אַלץ דאַרף מען אין זינען האָבן אין שייכות אויך מיטן „חומש פאַר קינדער לויט יהואָש".

נאָר ביי אַלע חסרונות איז דער „חומש פאַר קינדער" פאַרט בעסער פון יעקב לעווינ'ס „מעשות און לעגענדעס". ווי האָט געזאָגט יענע אידענע: אַז שוין תכריכים זאָל שוין כאָטש זיין פון בעסערן שטאָף...

בכלל איז עס טראַגי־קאָמיש צו זען ווי אונזערע וועלטלאכע אידן קענען זיך קיין עצה ניט געבן מיטן תנ"ך. אָבער סוף־כל־סוף איז דאָ זייער אַ ראַדיקאַלע עצה:

דער באַרג סיני שטייט נאָך. מ'ווייזט אָן וואו ער איז. זאָלן זיי „אַפּאָינטן אַ קאָמיטע" און זי שיקן צום באַרג סיני און זאָל זי דאָרט אַוועקלייגן די ספר תורה און זאָגן צו גאָט:

רבונו של עולם! נאָ דיר אָפּ צוריק דיין תורה און זאָל נעמען אַ סוף צו אונזערע צרות...

אידישע ליטעראַטור ווי אַ לימוד אין די שולן

.1

נאָך אידישער געשיכטע איז די אידישע ליטעראַטור דער צווייטער פונדאַמענטאַלער לימוד פון דער אידישיסטישער שול, דער צווייטער גרויסער זייל אויף וועלכן זי שפּאַרט זיך אָן. פון דער אידישער ליטעראַטור, אָפּגערעדט פון שפּראַך, דאַרף דאָס קינד שעפּן דער עיקר: אַ פאַרשטעלונג פון אידישן לעבן, ידיעות פון אידישקייט, אַן אָנהויכונג פון אידישע סענטימענטן, ליבשאַפט צום אידישן פאָלק און באַגייסטערונג פאַר זיינע נאַציאָנאַלע אידעאַלן.

אויבנאויף קלינגט עס אי ריכטיק, אי שיין. אָבער אַז איר פאַרטיפט זיך אַביסל גרינטיקער אין דעם ענין זעט איר אַז ניט נאָר דערפילט ניט די אידישע ליטעראַטור דידאַקטישע שליחות, נאָר זי איז אין תוך גאָרניט מסוגל דאָס צו טאָן. קיין ליטעראַטור איז ניט מסוגל צו טאָן אַזאַ זאַך, סיידן נאָר אין זייער אַ באַגרעניצטן גראַד.

וואָס איז אייגנטלאך ליטעראַטור? אין תוך איז ליטעראַטור צוויי זאַכן: זינד און קריטיק אויף זינד.

די גרויסע טעמע פון אַלע וועלטלאַכע ליטעראַטורן איז, קודם כל, ליבע. אין משך פון אַ סך דורות איז די אידישע ליטעראַטור, דאָס הייסט די העברעאישע, געווען אַנדערש פון די וועלט־ליטעראַטורן דערמיט וואָס איר הויפּט טעמע איז געווען גאָט און דאָס אידישע פאָלק. אין אירע ערשטע דורות איז די אידישע ליטעראַטור אויך אַזוי געווען. אָבער אין די נייערע דורות, ווען די אידישע ליטעראַטור איז אַרויף אויף די רעלסן פון דער גריכיש־רוימישער, ד. ה. דער אַלגעמיין אייראָפּעאישער ליטעראַטור איז

איר טעמאַטיק אויך אַלץ מער און מער געוואָרן די ליבע. און ווייל דאָס איז געווען אַ לפי ערך נייע טעמע ביי אונז האָט די אידישע קריטיק שטענדיק מיט באַזונדערן אינטערעס ארויסגעהויבן יענע שרייבער וואָס זייערע ווערק האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט עראָטיק.

נון, איז דען ליבע אַ טעמע פאַר קינדער־דערציאונג?

אפילו די ווערק פון אידילישער און ראָמאַנטישער ליבע, וועלכע זיינען אַגב גאַנץ זעלטן אין אַלע ליטעראַטורן, זיינען ניט תמיד פּאַסיק ווי שטאָף אין דער קינדער־דערציאונג, בפרט ווען דער גרעסטער רוב ווערק וואָס האָבן צו טאָן מיט ליבע, האָבן צו טאָן מיט זינדיקער ליבע, אין ערשטער ריי מיטן באַרימטן „דריי־עק": צוויי ער'ן און איין זי אָדער צוויי זי'ען און איין ער.

בדרך כלל איז ליבע אין דער ליטעראַטור אַן ענין פון זינד, פאַרבונדן מיט אומגעטריישאפט, תאוה, זנות, נקמה, מאָרד. אפילו אין תנ"ך איז עס אזוי, אָבער אין תנ"ך איז עס קיינמאָל ניט קיין הויפּט־טעמע, אַ טעמע פאַר זיך, נאָר שטענדיק אַ פאַרביילויפנדיקער עפּיזאָד. און ווען די אידישע ליטעראַטור איז אויך ארויף אויף דידאַזיקע וועגן האָט די אידישע קריטיק דאָס אויך אויפגענומען מיט אַ פריינטלאכן אויג, צופרידן וואָס מיר ווערן „מיט לייטן גלייך".

אונטערן איינפלוס פון דערדאָזיקער טענדענץ האָט די אידישע קריטיק ניט איינמאָל מיט פאַרוואורף גערעדט וועגן אידישן פאָלק וואָס האָט דעם שיר השירים, פון אַ ליבע צווישן אַ אינגל מיט אַ מיידל, גאָר געמאַכט אַ סימבאָל פון דער ליבע צווישן גאָט און דעם אידישן פאָלק. מען האָט איר, דער אידישער קריטיק, נעבאך אַוועקגעפּטר'ט אַזאַ שיין, עראָטיש, ליבעס־ליד! אין שייכות דער־מיט איז כדאי צו פאַרצייכענען דאָס פאָלגענדע:

אין דער טרובאַדורן־ליטעראַטור פון אייראָפּע ווערט אייביק געזונגען צו אַ צאַרטער, בלייכער, ווייסער געליבטער, צו וועלכער די טרובאַדורן־הערצער לעכצן נעבאך אייביק און קענען זי קיינמאָל ניט דערגרייכן. אין די לעצטע יאָרן האָט די אייראָפּעאישע ליטע־ראַטור־פאָרשונג זיך גענומען חידוש'ן פאַרוואָס עפּעס די געליבטע האָט ביי אַלע טרובאַדורן געהאַט דאָסזעלבע פּנים און דעמזעלבן

מזל: זי איז קיינמאָל ניט דערגרייכט געוואָרן. ביז ס'איז אַנט־שטאַנען די טעאָריע אַז די געליבטע איז אין אמת'ן געווען ניט קיין געליבטע נאָר אַ סימבאָל, אַ סימבאָל פון וואָס? פון דער קאַטוי־לישער קירכע. אין דערדאַזיקער טעאָריע ווערט שוין אַגב אריינ־גענומען דאַנטע'ס טרוים־געליבטע, בעאַטריטשע.

און אַזוי זעען מיר אַז די פיל־געריימטע טרובאַדורן־ליבע איז אויך געווען נאָר אַ סימבאָל פון ליבע צווישן מענטש און גאָט! קען מען דעריבער האָפן אַז ווען דידאַזיקע טעאָריע וועט דערגיין צו דער אידישער קריטיק וועט זי ענדלאך אויפהערן כליפען איבער דעם טרויעריקן „אידישן" מזל פון שיר השירים.

גייט אַלזאָ אַראָפּ איין גרויסער געביט פון דער אידישער ליטע־ראַטור וואָס קען ניט זייער לייכט פאַרוועגדט ווערן אין דער אידי־שיסטישער שול. אַש'ס „גאָט פון נקמה", למשל, גייט אריין אין דערדאַזיקער קאַטעגאָריע.

קומען מיר צו אַ צווייטן געביט — דעם סאָציאַלן. די סאָ־ציאַלע ליטעראַטור איז ליטעראַטור פון סאָציאַלע זינד, קריטיק אויפן לעבן בכלל. דאָס איז איינע פון די גאָר גרויסע פונקציעס פון ליטע־ראַטור. זי טוט, און דאַרף, אויפדעקן געזעלשאַפטלאַכע עבירות, זי רייסט ארונטער אָפּגעלעבטע אינסטיטוציעס, לאַכט אויס פאַרעלטער־טע, שעדלאך געוואָרענע לעבנס־פאָרמען, שאַבט אַראָפּ אַנגעקלי־בענעם מאָך און שימל.

קענען אַזעלכע ווערק דינען פאַר דערציאונג־מאַטעריאל? ניין און ניין. וואָרום זייער הויפט מעלה ווערט דאָ זייער הויפט חסרון. זייער הויפט מעלה איז דאָס וואָס זיי זאָגן אַ שאַרפן „ניין" צום לעבן. אָבער קינדער קענען ניט דערצויגן ווערן אויף ניין און ניט. זיי קענען ניט וואַקסן אויף נעגאַטיווע ווערטן. זיי דאַרפן באַקומען פּאָזיטיווע ווערטן, אין וועלכע זיך איינצופלאַנצן און וואַקסן, וועלכע זיי זאָלן אריינעמען אין זיך, מאַכן פאַר זייער אייגענעם פאַרמעגן און טראָגן ווייטער אין לעבן, און גרעסער און רייכער מאַכן אויף שפּעטער.

וואָס פאַרא נאַרונג, אין דערציערישן זין, קען אַ אידיש קינד היינט אין אַמעריקע ארויסציען פֿון מענדעלי׳ס „פריזיוו״ און „טאַק־סע״, אָדער, למשל, פון די משכילישע שריפטן אפילו פון פרצ׳ן, אָדער פון אַ ווערק ווי לינעצקי׳ס „דאָס פוילישע אינגל״, וואָס איז נאָר אַ משכילישער פאַסקוויל אויפ׳ן אידישן לעבן? אויב איינער וויל פיינט קריגן אידן זאָל ער לייענען לינעצקי׳ס „דאָס פוילישע אינגל״. די גאַנצע משכילישע ליטעראַטור איז געווען באַהויכט פון שנאה צום אידישן לעבן.

דאָ קומט נאָך אין באטראכט אַן אַנדער אומשטאנד, וואָס איז אַ ספּעציפיש אידישע דערשיינונג, און וואָס זעט אויס ווי אַ רעטעניש פאַר אַנדערע פעלקער און אפילו פאַר אונז אליין. דאָס איז די קרענקלאכע אידישע סענסיטיווקייט צו קריטיק. פאַרוואָס קענען אידן וויניקער פאַרטראָגן קריטיק ווי אַנדערע פעלקער?

ס׳איז דאָ אַ געזעץ פון דער טעאַטראַלישער בינע, וואָס מאַכט יעדער באוועגונג וויכטיק, וויכטיקער ווי אין לעבן. אין געוויינ־לאַכן לעבן, ווען אַ מענש וועט געבן עפּעס אַ קרומען פיר מיט דער האַנט וועט מען עס אָדער גאָרניט באמערקן אָדער מ׳וועט ניט צוגעבן דערצו קיין באזונדערע באדייטונג. אָבער אויף דער בינע, אונטער די אַנגעשטעלטע אויגן פון עולם, וועט עס אַנגעמען אַן אייגענע באדייטונג.

אידן זיינען אין דער וועלט שטענדיק ווי אויף אַ בינע. שטענ־דיק זיינען זיי אונטער די אויגן פֿון באַאָבאַכטער. יעדער באוועגונג זייערע, אפילו די אומשולדיקסטע, קריגט אַ באדייטונג אויסער יעדער פּראָפּאָרציע. זי ווערט אַ טייל פון דעם שפּיל. און אזוי ווי ביי אַן עולם אין אַ טעאַטער איז ערגעץ־וואו פאַראַן עפּעס אַ מין גע־היימניספולע גערייצטקייט קעגן דעם אַקטיאָר, און זאָל יענער מאַכן דעם קלענסטן פעל־טריט וועט ער זיך באַלד אַ וואָרף טאָן אויף אים מיט געלעכטער אָדער שפּאָט, גרייט אים צו פאַרצוקן, אַזוי איז מיט דער וועלט בנוגע אידן: אַ קלייניגקייט, און מען נעמט גלייך טייטלען מיט די פינגער אויף אונז.

דערפאַר אונזער קרענקלאכקייט. און דערפאַר זיינען מיר מער

סענסיטיוו צו אונזער ארונטעררייסערישער ליטעראַטור ווי אַנדערע פעלקער. און אויב עס איז אזוי מיט אונז גרויסע, זאָלן מיר מיט יענער ליטעראַטור זיך צאַצקען דוקא פאַר אונזערע קליינע?

וואס זשע דען זאָלן מיר געבן פון אונזער ליטעראַטור דעם קינד אין דער שול?

אַמאָל האָט מען ביי אונז געזונגען: „משיח און אידנטום זייבען געשטאָרבן, אַ נייער משיח קומט אָן". גאנצע באוועגונגען זיינען ביי אונז געווען געשטעלט אויף דער פילאָזאָפיע וואָס איז פאַר־קערפערט אין דעמדאָזיקן פערז, און דידאָזיקע פילאָזאָפיע האָט געהאָט איר אָפּקלאַנג אין אַ טייל פון דער אידישער ליטעראַטור. זאָל מען דאָס לערנען מיט אונזערע קינדער?

אין אונזערע אייגענע טעג, פון אונזער קאָמוניסטישן לאַגער, קומט דאָס געזאַנג: „האָסט פאַרראָטן דיין טאַטן, גוט אַזוי, גוט אַזוי" — אויך אַן אָפּשפּיגלונג פון אַ גאַר גרויסן צווייג פון דער אידישער ליטעראַטור. איך האָב דאָ אין זינען די אידישע ליטע־ראַטור פון סאָוועט־רוסלאַנד. דאָס איז בכלל אַ ליטעראַטור וואָס האָט צעטראָגן די יסודות פון גאַנצן אידישן לעבן אויף שפּענדלאַך. די סאָוועטיש־אידישע שרייבער האָלטן נאָר אין איין שיטן מיט קללות פּאַרוואָס זייער מאַמע האָט זיי געהאָט און ניט קיין אַנדער אידענע. זאָל מען דאָס לערנען אין דער אידישער שול?

איז דוד בערגלסאָן אַ טייל פון דער אידישער ליטעראַטור? אודאי. האָט ער אין איינעם פון זיינע לעצטע ווערק אַזאַ סצענע: אַ סאָוועטיש אינגעלע שטייט־אויף אינדערפרי און נעמט אָנטאָן זיינע שיכלאַך. דינען אים אָבער ניט די הענטלאַך. ער מאַטערט זיך און מאַטערט זיך און קען נעבאַך ניט. פּלוצלינג באַווייזט זיך אין צימער סטאַלינ'ס געשטאַלט, און ער, סטאַלין, טוט אָן דעם אינ־געלע די שיכלאַך. ס'איז קלאָר וואָס בערגלסאָן האָט דאָ מכוון געווען: ער האָט די אידייע פון אונזער אליהו הנביא אַריבער־געטראָגן אויף סטאַלינ'ען.

זאָלן מיר דאָס לערנען מיט אונזערע קינדער אין דער שול ווייל ס'איז אידישע ליטעראַטור? די סאָוועטיש־אידישע פּאָעזיע

איז פול מיט ברכי נפשי'ס צו סטאַלינען. איז דאָס דערציאונג־מאַטעריאַל פאַר אידישע קינדער?

אַז מ'גיט אַ זאָג ארויס „אידישע ליטעראַטור" קלינגט עס זייער וואַזשנע. אָבער אַז איר קוקט זיך צו נענטער זעט איר אַז דאָס איז אַ טייך מיט אַלערליי פיש, און גאָר אַ סך פון זיי זיינען טריפ'ע.

בלייבט יענער טייל פון דער אידישער ליטעראַטור וואָס שיל־דערט אין פאָזיטיוון ליכט, מיט סימפּאַטיע און ליבשאַפט, דעם אידישן לעבנס־שטייגער, און יענער טייל וואָס פאַרקערפּערט אין זיך די נאַציאָנאַלע אידעאַלן פון אידישן פאָלק און שטעלט ארויס זיינע גרויסע נאַציאָנאַלע העלדן.

אין אַלע ליטעראַטורן איז דאָס אין תוך דער רוקנביין, דער פעלזיקער פונדאַמענט. דער שטייגער איז די אויסערלאַכע פאָרמע פון דעם אינוויינიקסטן תוך פון אַ פאָלקס־לעבן, און די נאַציאָנאַלע העלדן זיינען די אויסקריסטאַליזירטע פיגורן, די לעבעדיקע כלים פון דער פאָלק'ס נשמה, די פאָנען־טרעגער פון דער נאַציע אויף זיינע שלאַכט־פעלדער, די וואָס גייען אויף קידוש־השם פאַר זיין גורל.

קומט אָבער די אידישיסטישע שול אַהער גליטשט זיך ערשט רעכט ארויס דער באָדן פון אונטער אירע פיס.

וואָס איז דער פונדאַמענטאַלער לעבנס־שטייגער אין דער אידי־שער ליטעראַטור, און ווער זיינען אירע אויסקריסטאַליזירטע פיגורן, די העלדן פון איר קידוש השם?

דאָס איז דער אַלטער אידישער לעבנסשטייגער, וואו אַז מען איז אויפגעשטאַנען אינדערפרי האָט מען קודם־כל געדאַוונט, דער־נאָך האָט מען זיך געוואַשן צום עסן, נאָכן עסן האָט מען געבענשט, מען האָט געלערנט תורה, מען האָט הייליק געהאַלטן דעם שבת און דעם יום־טוב, מען האָט ניט געגעסן קיין טרפות, מען האָט געהיט תרי"ג מצוות. און ווער ס'איז געווען אַ חסיד איז נאָך גע־פאָרן צום רבי'ן אויך.

אָבער וואָס האָט דאָס אַלץ צו טאָן מיטן קינד אין דער אידי־שיסטישער שול? דאָס זיינען אַלץ ניט זיינע זאַכן, ניט קיין זאַכן

פאר אים. אים ציט מען אויף „פריי“. אים זאגט מען אז דאס איז ניט נויטיק, אז דאס טאר מען גארניט. אים זאגט מען אז פרומע אידן טוען אזוי, אבער אים אליין לערנט מען ניט צו זיין פרום. אים הייסט מען זיין ניט פרום. ס׳איז דאך א ראדיקאלע שול. יע, אזוי גייט עס צו אין דער אידישיסטישער שול. ווען מען לייענט דארט, לאמיר זאגן, פרצ׳ס א מעשה׳לע וועגן שבת און דעם שבת־פיר זאגט מען אים: אזוי האבן זיך אמאל געפירט אידן, אזוי פירן זיך היינט פרומע אידן, דאס הייסט אנדערע אידן, ניט זיינע, עפעס מאדנע, פארצייטיקע, „אפגעשטאנענע“, אזעלכע וואס האבן מיט אים אליין נאר א ווייטע שייכות. ס׳איז „לכם ולא לו“.

דעמאזיקן סארט ליטעראטור רופט מען נאך אן, אין אונזער לי־טעראטור קריטיק, „רעליגיעזע ראמאנטיק“, און דאס איז גלייך ווי צו זאגן: עט, נארישקייטן.

פון דערציערישן שטאנדפונקט האט עס פארן קינד נאר א נעגא־טיוון ווערט. ס׳איז פאר אים נאר אין דער קאטעגאריע פון ידיעות, פון אינפארמאציע וועגן אידישן לעבן. אבער אריינגעמען אין הארצן אריין אויף צו כאוועז עס און אליין עס צו לעבן — דאס ניט.

קומען מיר צו די הויכע מאמענטן פון דער אידישער ליטע־ראטור, צו נאציאנאלן קידוש השם. פארוואס זיינען אידן געגאנגען אויף קידוש השם? פאר גאט, פאר תורה, פארן הייליקן שבת.

אבער אז מען האט שוין מיטן קינד פריער איינגעקנעלט אז קיין גאט איז ניטא, אז די „תורה האט פאראומערט דאס לעבן פון די אידישע פויערים און באלמעלאכעס“ און דער שבת איז גאר געווארן א „טרויער־טאג“, און אז בכלל איז רעליגיע אפיום און א זאך וואס איז „דערווידער“ — ווי אזוי זאל זיך דאס קינד באגייס־טערן פון אזעלכע ווערק און מיט אזעלכע אידן? ער קען העכסטנס באדויערן וואס צוליב אזעלכע נארישקייטן האבן זיך מענשן געלאזט אומקומען.

אויך דא, הייסט עס, דערהאלט דאס קינד נאר נעגאטיווע ווערטן. עס לערנט און בלייבט אינווייניק ניט באריהרט.

וואס זשע רימט מען זיך אזוי אין דער אידישיסטישער שול מיט דער אידישער ליטעראטור ווי א יסוד פון איר דערציאונג?

איך וועל דאָס אילוסטרירן מיט אַ משל. איך בין איינמאָל, גאָר ניט לאַנג צוריק, געווען אין אַ אידישיסטישער שול אויף אַ באַנקעט לכבוד מיינעם אַ קאָלעגע. צוליב זיין כבוד וועגן בין איך געגאַנגען. מען האָט דאָרט סערווירט אַ פליישיקן מאָלצייט, געזונגען חסידישע ניגונים, קינדער האָבן דעקלאַמירט, אַן אַקטיאָר האָט פאָרגעלייענט פּרצ׳ס אַ מעשה מיט אַ קירזשנער, מיט ר׳ לוי יצחק בערדיטשעווער, מיט אַ דין תורה קעגן גאָט, וואו ר׳ לוי יצחק האָט גע׳פסק׳עט לטובת דעם קירזשנער און ניט לטובת גאָט. דער עולם האָט הארציק אַפּלאָדירט די שיינע מעשה.

ווען איך האָב געקראָגן דאָס וואָרט האָב איך געפרעגט דעם עולם וואָס האָבן זיי דאָ אַזוי אַפּלאָדירט, וואָס האָבן זיי געטאַנצט אויף אַ פרעמדער חתונה? שטעלט אייך פאָר, האָב איך געזאָגט, ווען אין דער מינוט עפנט זיך די טיר און עס קומט אריין ר׳ לוי יצחק. וואָלט איר דאָך אודאי געמאַכט די אמת׳ע וואָרע פון זיינעט־וועגן, אים פאָרבעטן אויבנאָן און אים מכבד געווען מיט אייער סעודה. איז אייך איינגעפאַלן אַז ר׳ לוי יצחק וואָלט דאָ ניט גע־געסן ווייל אייער פלייש איז טריף, ער וואָלט ניט געגעסן גלייך ווי איר וואָלט געווען גוים?

און איך האָב ווייטער געצויגן דעם משל מיט אליהו הנביא, וואָס איז אויך אַן אַנגעלייגטער גאַסט אין דער אידישער שול — אויפן פּאַפּיר. אליהו הנביא, ווי באוואוסט — האָב איך געזאָגט — האָט ליב זיך צו פאַרשטעלן פאַר אַן אָרימאַן און גיין איבער די הייזער צו ברענגען ברכה אין אידישע הייזער. ביי אידן פירט זיך, אָדער פלעגט זיך פירן, אַז אַן אָרימאַן קומט אריין הייסט מען אים זיך וואַשן עסן. האָט איר זיך אַמאָל פאַרטראַכט — האָב איך גע־פרעגט מיין עולם — אַז אליהו הנביא וואָלט געקענט אויסגיין גאַנץ בראָנקס פון טיר צו טיר און אין ערגעץ ניט קענען אָפּעסן אין אַ אידישן הויז ווייל ס׳איז דאָרט באַלד ניטאָ קיין איין כשר אידיש הויז? וואָס האָט איר צו טאָן מיט אליהו הנביא? וואָס רופט איר אים אין טריפ׳ע הייזער, וואָס נעמט איר אים אין טריפ׳ע מיילער? וואָס האָט איר צו טאָן מיט די כשר׳ע אידן, וואָס אין פּרצ׳ס ביכל זייט איר מיט זיי קוצעניו־מוצעניו און אין יעקב

לעווינ׳ס ביכל שפּיט איר אויף זיי קלעק? ביז ווי לאַנג נאָך וועט איר פירן אַ ליגנעריש לעבן?

וואָס מיינט איר האָט מען מיר געענטפערט? מען האָט מיך אויך אָפּלאָדירט...

אָבער די קשיא איז אַלץ געבליבן אַ קשיא. די אידישיסטישע שול איז פּאַרט געבויט אויף אַ ליגן. מען זינגט דאָ חסידשע ניגונים, אָבער חסידים זאָלן זיין אַנדערע. מען דבק׳עט זיך מיט דער ליטעראַטור וועגן די רביים און צדיקים, אָבער זאָל דאָ אַ קינד, חלילה, וועלן ווערן אַ חסיד און גיין צום רבי׳ן וועט דער לערער זיך אַ מיתה משונה אָנטאָן.

וואָס זשע איז עס פאַראַ דערציאונג? וואָס איז עס פאַראַ שיטה, אַז אַנדערע זאָלן לעבן און מיר וועלן דערפון מאַכן ליטעראַ־טור, קולטור? אויב דאָס איז אַ גאַנג, דאַן איז ריכטיק צו זאָגן אַז לייענען ביכער פון ליבע איז בעסער ווי אליין צו פירן ליבע.

אָבער פון לייענען וועגן ליבע וועלן קיין קינדער ניט געבוירן ווערן, און פון אַזאַ מעטאָדע אין דערציאונג וועלן קיין אידישע דורות ניט אויפשטיין צו „שפּינען ווייטער די גאָלדענע פאָדים פון דער אידישער געשיכטע".

און זיי שטייען טאַקע ניט אויף. די אידישיסטישע שול איז אַ וויסטע עקרה.

ווייל אַלץ קריגן דאָ די אידישע קינדער ווי אַ נעגאַטיווע קוואַליטעט, און קיין זאַך ניט וואָס זאָל איינבּרענען זייערע מחות און איינבייסן זייערע הערצער.

און ווען מען וועט נאָך צו דער שיינער ליטעראַטור צוגעבן די אידישע פּובליציסטיק, יענע פּובליציסטיק וואָס ווערט ניט מיד צו שרייען אַז אידן זיינען פּאַראַזיטן אויפ׳ן גוף פון די פעלקער און וואָס באַרעכטיקט די גזירות פון די באַגדאַן כמעלניצקיס און די גאָנטאָס — די טרעגער פון דערדאָזיקער פּובליציסטיק זיינען צווישן די בעסטע פריינט פון דער אידישיסטישער שול — ווערט נאָך קלערער איר גייסטיקער פּרצוף.

.2

אויב ניט דער אַלטער פרומער איד — וועלכער איז „דער־ווידער" דעם גייסט פון דער אידישיסטישער שול — ווער זיינען די אַנדערע העלדן אין דער אידישער ליטעראַטור וואָס קענען פאַר־געהאַלטן ווערן פאַרן אידישן קינד ווי אַ מאָדעל, ווי אַ באַגייסטערנ־דיקער ביישפּיל?

מ'קען ניט זאָגן אַז זי האָט בכלל אַזעלכע העלדן. זי האָט יע, אָבער — העלדעלאַך. זיי זיינען: דער סאָציאַליסט, דער בונדיסט, דער קאָמוניסט (זאָל אונז גאָט שומר ומציל זיין פון אים), דער ציוניסט, דער חלוץ. אָבער קיין איינעם פון זיי האָט זי ניט אַזוי גרויס געמאַכט ער זאָל קענען אָנציגדן די פאַנטאַזיע פון קינדער. קיין איינעם פון זיי האָט זי זיך ניט אָפּגעגעבן מיטן גאַנצן האַרצן. זי איז געגליכן צו יענער קראַסאַוויצע וואָס אַ סך בחורים דרייען זיך אַרום איר, און זי „גלייכט" זיי אַלעמען אַביסל, אָבער זי קען זיך ניט אַנטשליסן וועמען אויסצוקלייבן פאַר איר באַשערטן. דער סוף איז אַז זי בלייבט אַ פאַרזעסענע מויד.

די אידישע ליטעראַטור איז אַ ליטעראַטור פון געטיילטע לאָיאַליטעטן. ווייניקער פון אַלץ איז זי געטריי די גרויסע אידישע נאַציאָנאַלע אידעאַלן, די אידעאַלן פון גוי קדוש, אתה בחרתנו, אי־גלות און שיבת־ציון. און יעדער טיפּ פון דער אידישיסטישער שול קלייבט זיך אויס אין דער ליטעראַטור איר העלדעלע. די אַרבעטער רינג שול וועט דאָך ניט נעמען דעם ציוניסט אָדער חלוץ, די פּועל־ציוניסטישע שול וועט דאָך ניט אריינגעמען דעם קאָמוניסט.

אָבער די אידישע ליטעראַטור האָט זיך פונדעסטוועגן מתדבק געווען מיט דער אידישיסטישער שול ווי מיט איר זיווג. אַן אייביק הימלאָזע, האָט זי זיך דאָ איינגענעסט, געפונען איר אָנשפּאַר.

דאָס איז ניט מער ווי נאַטירלאַך. און עס איז ניט מער ווי נאַטירלאַך אַז די אידישע שרייבער זאָלן זיין די בעסטע פריינט פון דער אידישיסטישער שול. זיי זיינען עס.

איך גלויב אָבער אַז מען האָט זיך ביז איצט ביי אונז נאָך גאָרניט פאַרטראַכט וועגן דער היסטאָרישער באַדייטונג פון דעם־דאָזיקן זיווג, וועגן זיין היסטאָרישן פועל יוצא (פון יעדן זיווג קומט דאָך עפּעס אַרויס) און וועגן די מיסטישע כוונות וואָס די אידישע שרייבער האָבן דאָ.

איך זאָג מיסטישע כוונות, ווייל די כוונות זיינען קיינמאָל ניט קלאָר אויסגעשפּראָכן געוואָרן און די מערסטע שרייבער האָבן זיך גאָר ניט אָפּגעגעבן קיין קלאָרן חשבון וועגן זיי. אָבער מיסטישע כוונות זיינען אויך גאַנץ רעאַלע זאַכן.

קומען די אידישע שרייבער אין דער אידישיסטישער שול קלייבן זיי נחת ווען זיי הערן אַז די קינדער דעקלאַמירן דאָרט זייערע לידער און לייענען זייערע מעשות. אַ פאַרשטענדלאַכע, אַ מענטשלאַכע זאַך.

אַנשטאָט תורה לערנען, לערנט מען זייערע לידער און מעשות.

און די אידישע שרייבער גיבן זייער הסכמה דערויף אַז זייערע לידער און מעשות זאָלן פאַרנעמען דאָס אָרט פון דער תורה.

באַגרייפט מען ביי אונז וואָס דאָס מיינט? באַגרייפט מען ביי אונז וואָס עס מיינט: קעלבערנע התפעלות פון אַ אידיש לידל און אומוויסנקייט פון תורה?

און אומוויסנקייט פון דער תורה מיינט — פאַרגעסן די תורה. ווארום אַז מ'וועט ניט לערנען קיין תורה וועט זי דאָך פאַרגעסן ווערן.

פרעג איך די אידישע שרייבער: איז עס ביי אייך רעכט אַז די תורה זאָל פאַרגעסן ווערן ביי אידן?

דאָס אייגענע איז אויך מיט גמרא. אַז מ'וועט ניט לערנען קיין גמרא וועט זי פאַרגעסן ווערן. פרעג איך די אידישע שריי־

בער: איז עס פֿאַר אייך רעכט אַז די גמרא זאָל פֿאַרגעסן ווערן צווישן אידן?

מילא ביי די יעקב לעווינס און די ח. בעזפּראַזוואַניס איז רעכט אַזאַ זאַך. אָבער פֿון זיי איז ניטאָ וואָס צו ריידן. דאָס זיינען טרוקענע פֿאַרפֿלאַקנטע דאָקטרינערן, מענטשן אינגאַנצן אָן פֿאַנ־טאַזיע. אָבער איר, אידישע שרייבער, איר קינסטלער, איר וואָס האָט אַליין מיט אַזאַ ליבשאַפֿט געשילדערט דעם תורה׳דיקן אידן, דעם אידישן למדן — איר אויך? זאָלט איר ווערן די געצייג אין די הענט פֿון די פֿאַנטאַזיעלאָזע? נעמט ארויס פֿון דער אידי־שער ליטעראַטור דעם תורה־אידן און זיין לעבנס־שטייגער און וואָס בלייבט דעמאָלט פֿון דער אידישער ליטעראַטור? וואָס ווערט פֿון אונזער אידישן לשון אַליין אָן די תורה׳דיקע ווערטער, אָן תורה־דיקן אידיאָם, אָן תורה׳דיקן אַנעקדאָטאַזש, אָן תורה׳דיקן געדאַנקען־גאַנג?

איך רייד דאָ ניט דוקא פֿון רעליגיעזער אמונה און פֿרומקייט. איך רייד שוין נאָר פֿון וויסן, פֿון תורה־קענטעניש.

ניט אַלע מאָל איז אפֿילו די בעסטע אידישע דערציאונג געווען אַ שוץ. געווען געגנוג ביי אונז וואָס האָבן אויך די תורה פֿון חדר אָוועקגעוואָרפֿן. אָבער יענע האָבן כאָטש געהאַט וואָס אָוועקצו־וואַרפֿן. די, ווען עס קומט צו תורה און בכלל צו ענינים פֿון רעליגיע, קוקן זיי מיטן בלאַנקן בליק פֿון קעלבער. די חז״ל האָבן געזאָגט „ולא עם הארץ חסיד״. אָבער ס׳איז אויך אמת: ולא עם הארץ אפּיקורס.

און זאָל מען ניט זאָגן אַז מ׳קען דאָך מיט „קליינע קינדער״ ניט לערנען קיין גמרא. ערשטנס קען מען. צען־יעריקע אידישע אינגלאַך האָבן שוין געלערנט, און לערנען אָפּט דאָ אין אַמעריקע אויך, גמרא מיט תוספות. צווייטנס — און מיט די „גרויסע קינ־דער״ לערנט מען? אַז די אידישיסטישע שול וואַרפֿט דאָך אפֿילו ניט קיין בריק צו תורה און גמרא! זי לערנט דאָך אפֿילו די קינדער קיין עברי ניט! א גימל מיט אַן עין קען נאָך ווי עס איז דער אידישיסטישער למדן איבערלייענען, אָבער אַ גימל מיט אַ סגל קען ער שוין ניט (בלויז אין די פֿאָלק־שולן לערנט מען העברייאיש).

און זאָגט מיר אויך ניט אַז עס זיינען דאָך דאָ אַנדערע שולן, די ישיבות, וואו מ׳לערנט גמרא. וואָס וואַרפט מען אַרויף דעם יאָך פון תורה אויף אַנדערע, און פאַר זיך נעמט מען די פּריוויליעגיע פון עם־הארצות? פאַרן אידישן פאָלק איז עם־הארצות אַ שווערערער יאָך ווי דער יאָך פון תורה. אויס תורה איז אויס פאָלק! און דער געדאַנק אַז עס זיינען דאָ „אַנדערע" וואָס וועלן שוין קענען, אַ „ספּע־ציעלער קלאַס", איז אַ גויעשער געדאַנק. ביי אידן איז תורה ניט קיין „געזעצגעבונג" בלויז פאַר „יוריסטן". יעדער איד האָט אַ חלק אין דער תורה. די פאַשיסטן ווילן מזכה זיין די מאַסן מיט דעם „גליק פון אומוויסנקייט". פאַר אידן איז עס ניט קיין עסק.

איך ווענד זיך צו אידישע שרייבער אין דער פאָרמע פון פראַגן. אין אמת׳ן ווייס איך דעם ענטפער. איך ווייס, אַז אַ סך פון זיי ווילן זייערע ווערק זאָלן פאַרנעמען דאָס אָרט פון תורה ביי אידן!

פון דעם תנ"ך מאַכט מען „ליטעראַטור" און פון ליטעראַטור מאַכט מען תנ"ך!

זעט וויפיל מען שרייבט אין דער אידישער ליטעראַטור וועגן משה רבינו און וויפיל מ׳שרייבט וועגן יוסף אַפּאַטאָשו! און משה׳ן שלעפּט מען אַרונטער צו דער ערד, און טיפער, און אַפּאַטאָשו׳ן הויבט מען צו די הימלען, און העכער...

מען שמועסט שוין, נאָך גאַנץ אומבאַשטימט, אָבער מ׳שמועסט שוין, פון צונויפשטעלן, פון אָפּגעקליבענע ווערק פון דער אידישער ליטעראַטור, אַ נייע אידישע ביבל. מען שמועסט שוין, און מען שרייבט שוין אַפילו, פון צונויפשטעלן אַ אידישן ש"ס. מען איז אויך בעלנים אַז פון זייערע ווערק זאָלן ווערן תפילות, אידן זאָלן דאַוונען פון אַ אידישן ליטעראַטור סידור!

אַלע וואָס ווילן ניט דאַוונען ווילן אַ דאַוונען אין אידיש...

אין דעם לעצטן פּרט איז שוין גאָר אַ סך „דערגרייכט געוואָרן".

אין די לעצטע עטלאכע יאָר האָבן די אידישיסטישע שולן אָנגע־הויבן פּראַווען דעם פּסח׳דיקן סדר מיט אייגענע, אידישע הגדות, צונויפגעשטעלט פון לידלאך און מעשה׳לאך פון דער אידישער ליטע־

ראטור. איך אליין ווייס פון דריי אזעלכע הגדות. יעדער טיפ שול מיט א הגדה לויט איר אידעאלאגיע און לויט אירע „אייגענע" שריי־בער. און אין דער פרעסע זיינען אפילו געווען ווארימע שטימען פאר די הגדות: אידישע שרייבער זיינען באגייסטערט...

אויף איין הגדה אזא, ווי א מוסטער, איז כדאי זיך אפצושטעלן אויף א ווײלע, כאטש דאס וועט אונז אביסל פארהאלטן אין אונזער טעמע. איך כאפ ארויס פון איר דעם „אחד מי יודע". אט ווי אזוי דאס גייט אין דער אידישיסטישער הגדה:

אחד מי יודע? ווער ווייס איינם?

ווער ווייס איינס?
איך ווייס איינס.
אונזער פאלק א קליינס,
די צרות זיינען גרויס,
נאר ס'קומט א צייט א פרייע,
און ס'לאזט די פיין זיך אויס.

ווער ווייס צוויי?
איך ווייס צוויי.
אמעריקע מיין היים,
דאס לאנד פון בראוו און פריי!
דאך ליב איך אויך מיין אידיש פאלק,
און בלייב אים אייביק טריי!

ווער ווייס דריי?
איך ווייס דריי.
א היטלער יאגט אונז היינט,
אמאל געווען איז המן —
און פרעה אונזער פיינד —
איז בלויז א דריטער נאמען.

ווער ווייס פיר?
איך ווייס פיר.
פיר צייטן האט א יאר,

נאָר איצט איז פרילינג צייט —
אויך ערד אין טעג פון פסח
לעבט אויף און ווערט באַנייט !

ווער ווייס פינף ?
איך ווייס פינף.
פינף פינגער האָט אַ האַנט,
אַ האַנט קען זיין אַ שונא,
אַ האַנט קען זיין אַ פריינד,
דעם יום-טוב פון באַפרייאונג
פייערן מיר הייַנט.

ווער ווייס זעקס ?
איך ווייס זעקס.
זעקס טעג פון פראַצע —
דער זיבעטער איז רו,
ס'גוט צו עסן מצה
מיט פסח-וויין דערצו.

ווער ווייס זיבן ?
איך ווייס זיבן.
זיבן טעג האָט יעדע וואָך,
דורך אַלע טעג פון יאָך.
מען האָט אונז בייז געטריבן —
נאָר מיר — מיר זיינען דאָך,
לעבעדיק געבליבן !

ווער ווייס אַכט ?
איך ווייס אַכט.
אַכט טעג פון פסח,
די וואונדער פון אַמאָל,
די וואונדער וועלן ווידער
דערשיינען אויף דאָס ניי.

טאָ לאָמיר זינגען לידער,
דער מענטש וועט ווערן פריי,
די וועלט וועט ווערן פריש —
און אַלע וועלן קומען
צום יום-טובדיקן טיש ! ! !

וואָס קען מען זאָגן צום דאָזיקן ליד וואָס דאַרף פאַרנעמען דאָס אָרט פון דעם וואונדערלאכן, אי פריידיקן, אי שטאָלצן „אחד מי יודע״, סיי אין העברייאיש, סיי אין זיין זיסער איבערגיסונג אין אי־דיש, און וואָס אין דיביידע נוסחאות איז עס געוואָרן אַ געזאַנג בכל תפוצות ישראל, ניט נאָר די נאַכט פון פסח, נאָר אויף אַלע שמחות, סיי אין יום־טוב סיי אין וואָך, און וואָס אפילו ווען איר הויבט עס אָן צו זינגען אין טרויעריקן געמיט ווערט יום־טוב׳דיק אויפ׳ן הארצן, אַ ליד פאַרן קינד און פאַרן זקן צוגלייך איבערצו׳חזר׳ן די עיקרים פון אידישן פאָלק ?

איינס איז גאָט — זינגט דאָס ליד (אין אידישן איבערגעזאַנג : „גאָט איז איינער און ווייטער קיינער״), צוויי — די לוחות, דריי — די אָבות, פיר די אמהות, פינף — די חומשים, זעקס — די משניות׳ן, זיבן — שבת, אַכט — דער ברית, ניין — געבורט, צען — די עשרת הדברות, — עלף — די עלף שטערן אין יוסף׳ס חלום, צוועלף — די שבטים, דרייצן — די דרייצן מדות פון גאָט : דאָס ליד הויבט זיך אָן מיט גאָט און לאָזט זיך אויס מיט גאָט, אינמיטן — דאָס אידישע פאָלק.

פון דעם אַלעמען איז קיין זכר ניטאָ אין דעם נוסח פון דער אי־דישיסטישער הגדה. די אַלע זאַכן, יסודות פון אידישן פאָלק, עק־זיסטירן ניט פאַר די אידישיסטישע וועלטלאכע, כאָטש אָן דעם וואָס ווערט דאָס אידישע פאָלק ? ניט מער ווי אַ ביאָלאָגישע איינהייט, און דאָס איז אַ היידנישער באַגריף, וואָס קעגן אים טאַקע איז גע־צילט די גאַנצע אידישע עקזיסטענץ.

אַנשטאָט דער עקזאַלטירטער אידישער גייסטיגקייט פון דעם אָריגינעלן „אחד מי יודע״ קריגן מיר דאָ גאָר אַ גשמיות׳דיק ליד, איך וואָלט געזאָגט אָן עבודה־זרה׳דיק ליד. איינס איז ניט גאָט, נאָר דאָס פאָלק : האָבן מיר ניט דאָ עפּעס פון מאָדערנעם היידנ־טום, וואָס שטעלט דאָס פליישיקע פאָלק (די ראַסע) ווי די העכסטע איינהייט ? איר זעט עס ווייטער, ביי צוויי, נאָך קלערער : צוויי איז לאַנד און פאָלק : דער נאַציסטישער פזמון פון בלוט און באָדן.

דריי זיינען ביי אים, ניט די אָבות, נאָר היטלער, המן און פרעה.

אָבער וואָס וועט זיין אויב ס'וועט קומען אַ פערטער? צי דען זאָלן מיר ביי יעדן גייעם המן זיך זעצן איבערשרייבן די הגדה?

פיר זיינען ניט די אמהות, נאָר די פיר צייטן פון יאָר. וואָס דאָס איז פשוט'ער געצנדינסט, אַזוי ווי אויבן מיט פאָלק און לאַנד. אַלטע געצנדינער האָבן גע'יום־טוב'ט צו דער נאַטור. און די נייע ווילן צוריק אַרויפפירן דעם מענשן אויף דעם וועג.

ביי זעקס און זיבן און אַכט האָט זיך שוין גאָר אויסגעשעפּט די פאַנטאַזיע פון אונזער מחבר: זעקס זיינען די זעקס טעג פון דער וואָך, זיבן זיינען די זיבן טעג פון דער וואָך, און אַכט זיינען די אַכט טעג פון דער וואָך פסח.

און ווייטער ווילט זיך פרעגן: ביים אידישיסטישן מחבר זיי־נען צוויי, ניט די לוחות, נאָר אַמעריקע און אידן. וואָס זאָל אָבער טאָן אַ איד וואָס וואוינט אין אַ לאַנד פון וואַנען ער וויל גאָר אַנט־לויפן? ווי קען טויגן זיין הגדה פאַר'ן אידן אין דייטשלאַנד, למשל? און ווידער האָבן מיר דאָ איבער'חזר'ונג: איינס איז ביי אים דאָס אידישע פאָלק און אין צוויי קומט אויך אַריין דאָס אידישע פאָלק. עס קלעקט אים ניט קיין שטאָף! זעט ווי אַיינגעדאַרט מיר ווערן ווען מיר רייסן זיך אָפּ פון די אַלטע וואָרצלען!

פינף זיינען ביי אים די פינף פינגער פון דער האַנט; מיט וואָס איז דאָס ספּעציפיש אידיש? גוים האָבן דען מער פינגער? אָדער ווייניקער?

אויב דער מחבר האָט שוין גענומען דעם מענשלאַכן קערפּער פאַרן מאָטיוו פון זיין פסח־ליד, פאַרוואָס איז ער שוין ניט געגאַנגען דעם גאַנצן וועג? פינף זיינען ביי אים, ניט די חומשים, נאָר די פינף פינגער, האָט ער שוין געקענט מאַכן די צוויי, אנשטאָט די לוחות — די צוויי הענט אָדער פיס, און אַנשטאָט איין גאָט האָט ער געקענט מאַכן — איין נאָז, אָדער גאָר איין פּופּיק...

דער פּופּיק איז דאָך טאַקע דער סאַמע צענטער...

און אַזוי זאָל מען טאַקע זינגען מיטן געהעריקן ניגון: דער פּופּיק איז איינער, און ווייטער קיינער...

דער „אחד מי יודע" ציילט ביז דרייצן. ביי אונזער מחבר גייט עס ניט ווייטער ווי ביז אכט. פארוואס? פארוואס שוין כאטש ניט ביז צען, די צאל וואס בעזפראזוואני'ס פארצייטיקע אידן האבן געקענט ציילן?... ווייל אונז דער מחבר פירן צוריק, אזוי ווייט צוריק, צו דעמאלט ווען אידן האבן געקענט ציילן נאר ביז אכט?

איך שטעל מיר פאר ווי אונזער מחבר'ס פאנטאזיע האט עס גע־שוויצט ביים אויסדיכטן זיין מייסטערווערק און ווי באגייסטערט ער האט עס געמוזט זיין וואס לסוף איז אים געראטן אויסצודיכטן א בעסער, שענער, רייכער, פאר אידן מער פאסיק ליד ווי דער אלטער „אחד מי יודע".

טשיקאווע ביז גאר איז ווי די מחברים פון דער מאדנער הגדה האבן זיך דערווארגן מיט דער מצה. אין אונזערע פיר קשיות, ווי באוואוסט, גייט עס אזוי: „אלע נעכט פון א גאנץ יאר עסן מיר אי חמץ אי מצה, אבער דידאזיקע נאכט פון פסח עסן מיר נאר מצה". מיט'ן טראפ אויפן „נאר".

וואס אבער זאלן טאן אונזערע מחברים וואס עסן פסח אויך חמץ?

האבן זיי געמאכט אזוי: „אין אלע אנדערע נעכט עסן מיר אי חמץ, אי מצה, היינטיקע נאכט — מצה?" ניטא קיין „נאר".

ווי געפעלט אייך דער קלימאקס? נאראנים וואס זיי זיינען, זיי האבן פארזען א טייערע געלעגנהייט. זיי האבן געקענט מאכן אזוי: אין אלע נעכט פון א גאנץ יאר עסן מיר חמץ און מצה, די היינטיקע נאכט עסן מיר מצה און חמץ.

דאס וואלט געווען אי סטיליסטיש בעסער, אי היסטאריש אמת'־דיקער.

אין א צווייטער הגדה אזא באשטייט דער מה נשתנה נאר פון דריי קשיות, און די צווייטע קשיה פרעגט אזוי:

„פארוואס פארמאגט דאס יאר אזוי פיל וואכעדיקע טעג, און היינט איז יום־טוב?"

אזאַ קשיה צו פרעגן דאַרף מען טאַקע זיין אַ חכם פון דער מה נשתנה...

די אידישיסטישע הגדה, פון וועלכער איך רייד דאָ, איז פול מיט אַזעלכע פּראָפּאַנאַציעס. וואָס מיינט איר איז דער שפּיץ פון איר פּאַראָדיע — יע, ניט מער ווי אַ נאַרישע, שענדלאַכע פּאַראָדיע איז די גאַנצע הגדה! — אויפן „אילו — דיינו״? אין אָריגינאַל איז דער העכסטער פּונקט ארץ־ישראל און דער בית־המקדש, אָבער אין דער אידישיסטישער הגדה איז דער העכסטער שפּיץ — די אידישיסטישע שולן!

און אַזוי דורכאויס, איין שטיק חלול הקדש גרעסער פון דער אַנדערער.

ס׳איז אַ מאָדנע זאַך מיט דידאַזיקע לייט: אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו אידיש הינטן זיי ווי דאָס אויג אין קאָפּ, און אַלץ וואָס האָט אַ שייכות צו אידישקייט צעטרעטן זיי מיט די פיס. ווען זיי געפינען ערגעץ אַן אַלטן טעאַטער־אַפיש פון אַ אידישער אַקטריסע וואָס האָט אַמאָל אין אַדעס געטאַנצט אַ קאַזאַצקע, וועט דער „ייווא״ אויסבויען אַ גאַנצן בנין צו באַהאַלטן דעם טייערן אוצר. דער „ייווא״ וועט נישטערן יאָרן מיט אַ מיטוואָך צו געפינען אַ פאַרלאָרענע קאָמאַ אין אַ פּאַרפאַלענעם יאָרהונדערט, און ווען עס געלינגט אים, מישטיינס געזאָגט, צו געפינען די באַדייטונג פון „מישטיינס געזאָגט״, וועט ער פּראָקלאַמירן אַ נייעם יום־טוב ביי אידן. אָבער ווען עס קומט צו אידישקייט איז ביי דיזעלבע מענשן רעכט צו צעפּליקן אין פּיצפּיצ־לאַך אַזאַ זאַך ווי אונזער אַלטע הגדה, אַלט מיט דורות, אָנגעזאָפּט מיט קדושה, חכמה און מיסטיק, מיט פרייד, האָפענונג און טרערן, דער יסוד פון אונזער שענסטן יום־טוב, פון אונזערע הייליקסטע טעג, פון אונזער פּסח, אַ קלייניגקייט פּסח! אונזער קרוין־יום־טוב, אַ שטיק לעבעדיק פלייש פון אונזער פליישׁ, אַ לעבעדיקע ביין פון אונזערע צעבראָכענע ביינער! אַ קלייניגקייט אויסצודיכטן אַזאַ יום־טוב, אַזאַ קאָלעקטיווע היסטאָרישע דיכטונג! אַ סך אַזעלכע ימים טובים זיינען דאָ אין דער וועלט?

וואו האָבן שוין אידן ניט געזאָגט די הגדה? אין פּאַלאַצן און

אין מאראָנישע קעלערס, אין תחום המושב'ס און אין געטאָס, אויף בערג און אין גריבער, אין וועלדער און אין מדבריות, אויף בוידי־מער און אויף ימ'ען — פאַראַן א סך אַזעלכע גרוי־היסטאָרישע ווערק אין דער וועלט?

און זיי צעפליקן זי אין פיצפיצלאַך. וואַנדאַלן, גייסטיקע וואַנ־דאַלן, אַט וואָס זיי זיינען!

און צו אַזאַ הגדה מיט אַזאַ סדר רופט מען צונויף אידישע קינ־דער. מיט וואָס איז אַזאַ סדר אַנדערש ווי די אַמאָליקע יום־כפור בעלער? נאָך ווייניק זיי וואָס זיי האָבן שוין צעשטערט אין אי־דישן לעבן, האָבן זיי זיך איצט גענומען צום פסח.

די אידישיסטן זאָגן אַז די העברייאיסטן וועלן ווערן אַ העב־רייאישער שבט ביי אידן; און די אידישיסטישע שול זאָגט, אַז זי שטרעבט צוצוביגדן די אידישע יוגנט צום אידישן פאָלק. און דאָ זעצן זיי זיך אַוועק, פסח צום סדר, אַליין אינמיטן פון דער גאַנצער אידישער וועלט, און זאָגן זיך אָן אייגענע פאַרזעעניש פון אַ הגדה! זיי זיינען אַפילו ניט קיין באַזונדער אידישער שבט: זיי זיינען גלאַט אַ חברה לצים... פורים־שפילער אים פסח...

ווער זיינען די מחברים פון דידאָזיקע הגדות? ווער זיינען עס די וואָס האָבן אויפגעהויבן די העק אויף אַזאַ שיינעם אידישן בוים?

איך וועל דאָ ניט אָנגעבן די נעמען פון די מענשן, כדי זיי ניט צו פאַרשעמען...

און די אידישע שרייבער, יענע שרייבער וואָס מען האָט פון זייערע ווערק צונויפגעשטעלט דידאָזיקע טריפ'ענע הגדות — זיי האָבן ניט פראָטעסטירט למאי מ'שלעפּט זיי אַריין פאַר שותפים אין אַזאַ חלול־השם אין פאָלק און מ'שטעלט זיי אַוועק אין אַ צו־להכעיס־דיקער, צעשטערערישער אָפּאָזיציע צו דער גאַנצער אומה. פאַר־קערט, זיי זיינען נאָך צופרידן: מה־דאָך ס'איז אַזאַ גרויסער ענין אַריינצוגיין אין זלמן רייזען'ס לעקסיקאָן, א פשיטא שוין אַריינצוגיין אין דער פסח'דיקער הגדה!

און זיי גייען אַליין צו דידאַזיקע סדרים, גייען גערן, זיי גייען הערן ווי עס קלינגען זייערע ווערק אין מויל פון „פאָלק״, ווי „תפילות״, זיי גייען זען באַשיינפּערלאך ווי זיי ווערן אומשטערבלאך.

דאָ קען מען טאַקע אויפריכטיק זאָגן, אַז זיי זיינען אויסן דוקא די הגדה, ניט די קנײדלאַך.

נאָר, נאָך אַזאַ געשיכטע, ווי זאָלן נאָך אידן, אמת׳ע אידן, דרך־ארץ האָבן פאַר דער אידישער ליטעראַטור?

דאָס אייגענע ווי מיט פסח איז מיט אַנדערע ימים טובים, דאָס הייסט מיט יענע ימים טובים וואָס האָבן געהאַט די זכיה אַנערקענט צו ווערן אין דער אידישיסטישער שול. ניט אַלע ימים טובים האָבן געהאַט אַזאַ זכיה. ראש השנה און יום־כפור זיינען געבליבן טאַבו. פון שבועות הערט מען דאָרט אויך ניט. און ביי די אָנגענומענע ימים טובים בייט מען זייער היסטאָרישע באַדייטונג און מען לייגט אַריין אין זיי אַ נייעם, פאַרשטייט זיך, אַ „פּראָגרעסיוון״ זין. דער־ביי ווערט אָפט אַרויסגעוויזן אַ שענדלאַכע עם־הארצות. דעם גרעסטן שלימזל האָט דאָ געהאַט חנוכה. די וועלטלאַכע ווילן ניט קיין חנוכה מיט אַ נס פון אַ קריגעלע בוימל. „ביי מיר איז דער זיג פון די חשמונאים אַ גרעסערער נס ווי דער נס מיטן קריגעלע בוימל״, שרייבט א שול־טוער, אַ נייער מחוקק ביי אידן. און ער ווייס ניט, דער חכם, אַז דערמיט האָט ער נאָר צעדרייט דעם טיפערן, דעם טיפסטן זין פון דער גאַנצער אידישער געשיכטע. אידן האָבן זיך אייביק אויסגעהיט פון גלאָריפיצירן די שווערד און אירע נצחונות. זיי האָבן ניט געמאַכט קיין ימים טובים פון אַ זיגרייכער שווערד. זייערע מלחמות, די נצחונות ווי די מפּלות, האָבן זיי פון שווערד אַרויפגעפירט אויף אַ מאָראַלישן ניוואָ. ווען זיי האָבן פאַרלאָרן א מלחמה האָבן זיי עס קיינמאָל ניט דערקלערט דערמיט, וואָס זיי האָבן געהאַט ערגערע וואָפן ווי׳ דער שונא, נאָר דערמיט וואָס זיי האָבן געזינדיקט. דאָס הייסט, אידן האָבן שטענדיק געהאַלטן אַז אַ מאָראַליש דערהויבענע מינאָריטעט איז שטאַרקער פון אַ גוט־באַוואָפנטער אָבער זינדיקער מאַיאָריטעט (דערמיט אַליין וואָס זי באַפאַלט איז זי שוין זינדיק). דערפאַר איז דער זין פון חנוכה גע־

שטעלט געוואָרן אויפ'ן קריגעלע בוימל, אויף ליכט, און ליכט איז אויפקלערונג, פּראָגרעס.

אָבער אונזערע „פּראָגרעסיסטן" געפעלט דוקא דער שווערד־מאָמענט פון חנוכה, ניט דער בוימל. דערפאַר זיינען זיי אויך קעגן דעם חנוכה־לעמפּל. און יעקב לעווין, אַנשטאָט דעם באַשיידענעם, לירישן, אידילישן און געהייליקטן חנוכה־לעמפּל, הייסט דוקא אָנציגדן וואָס מער און וואָס גרעסערע עלעקטרישע „באַלבס" און יאַפּאַנישע לאַמטערנעס.

פייערט מען חנוכה אין דער אידישיסטישער שול לויט א נייעם זין, לויט נייע פאָרמען און לויט נייע תפילות. די נייע תפילות זיינען ווידער נאָר לידלאַך אָדער חנוכה־מעשות פון דער אידישער ליטעראַטור.

און אַזוי ביי אַנדערע ימים טובים.

סוף כל סוף, ווער מיינען זיי זיינען זיי, די אידישיסטישע לערער און שול־טוער — אַ נייע אַנשי כנסת הגדולה? אַ נייער סנהדרין? אַ נייער ועד ארבע הארצות? ווער האָט זיי געגעבן די אויטאָריטעט דערויף? וואו און ווען איז עס געהערט געוואָרן אַז דרדקי־לערער און דרדקי־שולן זאָלן נעמען אויף זיך צו דיקטירן דאָס לעבן פון זייער פאָלק?

נאָר אידישע שרייבער קוויקן זיך וואָס זייערע ווערק זיינען געוואָרן די נייע „תפילות" פון דעם „נייעם אידן". זיי קומען גערן צו אזעלכע פייערונגען. דאָס שמעקט גוט צו זייערע נאָזלעכער.

יע, איך וואָלט געקענט שווערן אז דוד איינהאָרן וואָלט געגאַנגען אפילו אין שול אַריין ווען מ'זאָל דאָרט שלאָגן הושענות מיט זיין „בעריאָזקעלע".

פרעג איך די שרייבער: איז עס רעכט צו שטרעבן דערצו און פאַרהעלפן דערצו, אַז דער איד זאָל אָוועקלייגן די תורה און אָוועקוואַרפן די גמרא און אויף זייער אָרט נעמען אונטערן אָרעם אַ ראָמאַן, אַפילו ווען דער ראָמאַן איז אייערער, אידישע שרייבער?

און מיינט איר טאַקע באמת אז עס וועט געלינגען יעקב לעווינ'ען אַפּצוררייסן אידן פון זייערע טויזנטער־יעריק פאַרהייליקטע תפילות און זיי אַרויפפירן צו דאַוונען און פראַווען ימים־טובים אויף אייערע לידער?

איז עס רעכט פאַר אייך צו ווערן שותפים אין אַן אַרבעט וואָס שטרעבט צו ענדערן דאָס היסטאָרישע געשטאַלט פון אידישן פאָלק?

יע, די אידישיסטישע שול, אָט דאָס נעבעכל, שטרעבט ניט מער און ניט ווייניקער ווי צו ענדערן דאָס היסטאָרישע פנים פון אידישן פאָלק.

זי וויל אונזער אַלט פאָלק „אויסמענשלען". זי וויל מיט אַ מאָדערנער פּלאַסטישער אָפּעראַציע אויסגלעטן די קנייטשן אויפן אַלטן יידע־פּנים פון אונזער פאָלק, און אונזער אַלטער באָבע, דער פיר־טויזנט יעריקער אידישער קולטור, וויל זי אָנטאָן בלאָנדע לאָקע־לאך און אַ קורץ קליידל, מיט רוזש אויף די ליפּעלאך און מיט פאַרב אויף די נעגעלאך, זי זאָל אויסזען ווי אַ האָליוואוד אַק־טריסע, מיט יאַפּאַנישע לאַמטערנעס אין אירע חדרים פאַר „אַטמאָס־פערע", אַלאַ גרעניטש ווילעדזש.

און יעקב לעווין איז דער „ביוטי עקספּערט".

וואו איז אייער געשמאַק, אידישע שרייבער, אייער קינסטלער־געשמאַק?

דאָס וועט ניט זיין, אידישע שרייבער. איר פאַרקויפט נאָר די בכורה פון אידישן פאָלק פאַר אַ ליידיקן טאָפּ לינזן.

בפירוש אַ ליידיקן. ווען אידן וועלן אַוועקלייגן די תורה און די גמרא וועלן זיי אויף זייער אָרט קיין אידישע ליטעראטור ניט נעמען. וואָרום דער שכל הישר איז דאָך מחייב: אויב מ'קען זיין אַ איד אָן תורה און גמרא, קען מען זיין אַ איד אָן אָפּאַטאָשו און לייוויק'ס ווערק אויך. און אידן האָבן שכל. און זיי האָבן אייך שוין באַוויזן. וואָרום דאָס און קיין אַנדער זאַך איז די גרונט־סיבה פאַרוואָס אידן האָבן זיך דערווייטערט פון דער אידישער לי־טעראַטור.

און אידן וואָס דאַוונען וועלן ניט אָנהויבן דאַוונען פון אידישע לידער, אפילו ניט פון די אידישע „רעליגיעזע לידער". וואָרום רעליגיעזע זיינען רעליגיעזע לידער נאָר דעמאָלט, ווען מ'שרייבט זיי כדי צו געפעלן ווערן אין די אויגן פון גאָט, ניט אין די אויגן פון דעם קריטיקער...

די אידן וואָס דאַוונען וועלן שוין דאַוונען פון סידור און מחזור. און די אידן וואָס זאָלן זיין די דאַוונער פון די אידישע ליטעראַרישע ביכלאך וועלן, אַנשטאָט דאַוונען, בעסער שפּילן אין קאָרטן. אַהער איז דאָך עס דערגאַנגען, ניט אמת?

ליטעראַטור וועט קיינמאָל ניט ווערן קיין תורה און קיין תפילה. עס איז אין משך פון א גאַנצן יאָרהונדערט געווען א גרויס שטרעבן אין איראָפּע ארויפצוזעצן די ליטעראַטור אויבנאָן פון לעבן, צו מאַכן זי פאַר דער קרוין פון דער נאַציע, צוצוגעבן איר אַ הייליקע באַדייטונג ווי דעם מיסטישן אויסדרוק פון דעם פאָלק'ס נשמה. אונזערע אייגענע קרובים, געאָרג בראַנדעס און אַנרי בערגסאָן, האָבן שטאַרק געאַרבעט דערפאַר. אָבער אָנגענומען האָט זיך עס נאָר אָביסל אין דער פאַרקאָמוניסטישער רוסלאַנד און פאַרנאַציישער דייטשלאַנד. אין פראַנקרייך, מיט איר סקעפּטיציזם, האָט זיך עס ניט אָנגענומען. אין איטאַליע, מיט איר קאַטויליציזם, האָט זיך עס ניט אָנגענומען. און אין דער ניכטערער ענגלאַנד און אַמעריקע האָט זיך עס אויך ניט אָנגענומען. אומעדום איז ליטעראַטור געווען און געבליבן, אמת, אַ סאָציאָלער כח (אָפט אַ רעאַקציאָנערער), אָבער דער עיקר אַן ענין פון עסטעטישן גענוס, פאַרוויילונג און „געזעלשאַפטלאַכער צירלאַכקייט", און ווייטער גאָרניט. און אַזוי לערנט מען זי צו קינדער. אָבער ווי נאַציאָנאלע קדושה — קיינמאָל ניט, אין ערגעץ ניט.

און אויב דאָס איז אַזוי ביי פעלקער וואָס פאַרמאָגן ניט קיין תנ"ך און קיין גמרא, ווי זשע שוין ביי אונז?

בפרט נאָך ביי אונז וואו די ליטעראַטור איז אַזוי אָפט געגאַנגען קעגן צו די טייערסטע אינטערעסן פון דער אומה. דערמאָנט אייך, פון די לעצטע יאָרן אַליין, איר יעווסעקיזם; דערמאָנט אייך אַז איר אידישסטער שרייבער האָט דערפירט צו יעזוס'ן. און

זעט וואָס די אידישסטישע שול, אין די הענט פון די האַרטע, טרו־קענע דאָקטרינערן, וויל דערגרייכן מיט'ן כח פון דער אידישער ליטעראַטור אין דעם ענין פון תורה, שבת און יום־טוב.

זיי ווילן מיט איר כח אונטערגראָבן די אַלטע, אייביקע יסודות און לעבנספאָרמען פון דער אומה.

קען די אידישע אומה פאַרטרויען איר גורל צו אַזאַ ליטעראַ־טור ?

נים אויף ליטעראַטור אַליין וועט לעבן דאָס אידישע פאָלק.

אַ פֿערזענלאַך וואָרט

(און אַ מעשה מיט אַ שוואַרצן גלח)

די ערשטע דריי קאַפּיטלאַך פֿון דעם איצטיקן ביכל זיינען געדרוקט געווען אין „אידישן קעמפער". דערויף איז אין „קולטור און דערציאונג", אין נומער פֿון אַפּריל, 1941, דערשינען אַן אַרטיקל פֿון ג. כאַנין, אין וועלכן ס'ווערט צווישן אַנדערעס געזאָגט דאָס פֿאָלגנדיקע:

דערלויבט מיר צו זאָגן אַפּריער אַ פּאָר ווערטער צו דער רעדאַקציע פֿונם „אידישן קעמפער".

אַ יחיד האָט אַ רעכט צו האָבן וועלכע מיינונגען ער וויל. אַ יחיד קאָן זיין אייגענעם געדאַנקען-גאַנג דערפֿירן צו דעם אַבסאָלוטן אַבסורד. אָבער אַ קערפּערשאַפֿט, אָדער אַ רעדאַקציע טאָר קיין מאָל ניט באַהילפֿיק זיין דעם מענשן אין דעם, ווייל זי ברענגט ניט קיין נוצן, ניט דעם מענשן און זיכער ניט אירע נאָכפֿאָלגער אָדער אירע לייענערס.

ווי אַזוי קען אַן ערנסטער זשורנאַל, אין דער שפּיץ פֿון וועלכן עס שטייען פּראָגרעסיווע מענשן און פּראָגרעסיווע אָרגאַניזאַציעס, דערלויבן חיים ליבערמאַנען צו שעדיקן מיט פֿאַלשע ציטאַטן, צו דיסקרעדיטירן אַ שול-באַוועגונג ארום וועלכער עס אַרבעטן מיט אַזוי פֿיל ליבע און איבערגעבנקייט, מיט אַזוי פֿיל אויפֿריכטיקייט, אַ גרויסע צאָל אידישע פֿאָלקסמענשן און אינטעליגענטן.

די טויזנטער מענשן וועלכע עס אַרבעטן ארום דער וועלטלאַכער שול-באַוועגונג, וועלכע קענען איר גייסט אַ סך בעסער ווי דער גאַליקער חיים ליבערמאַן — זיי וועלן זיך נאָר מיט שפּאָס באַציען צו דעם שרייבער פֿון די אַרטיקלען. אָבער מיט פֿאַרדראָס און טיפֿן ווייטאָג וועלן זיי זיך וואונדערן אויף דער רעדאַקציע, וועלכע האָט געגעבן די מעגלאַכקייט חיים ליבערמאַנען, אונטער דעם מאַנטל פֿון ראַטעווען די אידישע תורה, אויסצוגיסן זיין איבערגעטריבענע גאַליקייט.

עס ווערט דאָ, הייסט עס, אָפּגעפּרעגט מײַן רעכט צו ריידן וועגן די שולן. איך זע זיך דעריבער געצוואונגען צו זאָגן דאָס איצטיקע פּערזענלאכע וואָרט, ווי ווידערווילויג דאָס זאָל מיר ניט זײַן.

איך באַהויפּט פאַר זיך דאָס פולע רעכט צו ריידן וועגן די שולן. איך האַלט עס אַפּילו פאַר מײַן פליכט דאָס צו טאָן.

אין משך פון יאָרן און יאָרן האָב איך געהאָלפן אידישע עלטערן צו שיקן זייערע קינדער אין די דאָזיקע שולן. איך בין געווען צווישן די גרינדער פון דער ערשטער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול און איר ערשטער לערער פון אידיש, און בין עס געווען אַ סך יאָרן. איך בין אויך געווען צווישן די גרינדער פון יענער ערשטער שול וואָס פון איר האָט זיך שפּעטער אַנטוויקלט די קייט פון די שלום־עליכם שולן. אויך דאָ בין איך געווען לערער.

אין יענער צייט האָב איך געשריבן אין „טאָגעבלאַט" און האָב דאָרט, אין דער פעסטונג פון אַלטער אידישקייט, אַגיטירט פאַר די בייע שולן. איך האָב דאָרט אויסגעווירקט אַ „קינדער־ווינקל", דער ערשטער פּרואוו פון דעם מין, און האָב די אָפּטיילונג אַליין רעדאַקטירט און אָפט געדרוקט אין איר די קאָמפּאָזיציעס פון די קינדער פון די אידישע שולן.

עס זײַנען אַרויס צוויי ביכלאַך מײַנע, „דאָס פּראָבלעם פון אי־דישער דערציאונג אין אַמעריקע" (צוויי אויפלאַגעס) און „די אידי־שע רעליגיע אין דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער דערציאונג", וועלכע זײַנען אַ לאַנגע צייט געווען די איינציקע צוויי פּראָפּאַגאַנדע־ביכלאַך פאַר די אידישיסטישע שולן.

און אַזוי ווי דעמאָלט האָבן נאָך אויסגעפעלט טעקסט־ביכלאַך, האָב איך איבערגעזעצט ש. דובנאָוו'ס אידישע געשיכטע פאַר קינדער אין דריי בענדער. זי ווערט נאָך ביז הײַנט גענוצט אין געוויסע שולן.

איך בין אָפט אַרומגעפאָרן אין שליחות פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד צו אַגיטירן פאַר די שולן, און אין אַ באַצענטן אָרט אַרום ניויאָרק — אַפּילו צו העלפן אָרגאַניזירן אַ שול. איך בין אַ

יאָר צייט געווען בילדונגס־דירעקטאָר פון אידיש־נאַציאָנאַלן אַרבע־טער פאַרבאַנד און געאַרבעט פאַר די שולן.

דערנאָך האָט זיך געגרינדעט דער אידישער לערער־סעמינאַר. איך בין געווען איינער פון די גרינדער. איך בין אַ יאָר צייט געווען זיין סעקרעטאַר. און אין משך פון א סך, אַ סך יאָר דאָרט געווען אַ לערער. הונדערטער לעקציעס דאָרט געגעבן, דריי־פיר לעקציעס אַ וואָך אין משך פון אַ סך יאָרן. אויף אַ סך צענדליקער דיפּלאָמאַס פון אידישע לערער ליגט מיין חתימה.

די אַלע יאָרן וואָס איך בין געווען לערער אין די שולן האָב איך פּרינציפּיעל ניט גענומען קיין געלט, ווייל איך האָב מיין חיונה געצויגן פון צייטונגס־אַרבעט. מיט דער אויסנאַם פון אַ קורצער צייט, ווען איך האָב געלערנט אין אַן אַרבעטער־רינג שול און אין דער שול־עליכם מיטלשול.

אין אידישן לערער־סעמינאַר האָט פאַר מיר אויך קיינמאָל ניט עקזיסטירט די פראַגע פון געלט. איך געדענק איינמאָל, ווען דער סעמינאַר איז נאָך געווען אויף איסט־בראָדוויי, האָט מען ביי אַ גע־שעפטלאכער זיצונג געמאַכט אַ חשבון פון די חובות. אויף אַ גרויסן קלאַס־טאָוועל האָט דער סעקרעטאַר מיט קרייד אויסגע־שריבן די חובות, וועמען און וויפיל מ'קומט. אַנטקעגן מיין נאָמען איז געשטאַנען 300 דאָלער. האָב איך זיך אויפגעהויבן, האָב גע־נומען אַ שוואָם און האָב אָפּגעווישט מיין חוב און מיין נאָמען.

און דאָס איז ניט געווען דאָס איינציקע מאָל.

אפילו ווען איך האָב שוין אויפגעהערט לערנען אין די שולן האָב איך מיין באַציאונג מיט זיי ניט איבערגעריסן. איך האָב דאָרט אָפט געלעקטשורט פאַר די עלטערן־פאַראיינען. ערשט לעצטן יאָר, 1940, האָב איך געגעבן אזעלכע לעקטשורס אין בראָנקסער אַר־בעטער־רינג שול 17, לערער פינק, און אין דער וועסט־סייד אַר־בעטער־רינג שול 1, לערער קאָהן, און אין יאַנואַר, 1941, אין דער ברוקלינער שלום־עלכים שול נומער 13, לערער י. זילבערבערג.

פאַר אזעלכע לעקציעס האָב איך אויך פּרינציפּיעל ניט גענומען

קיין געלט. ביי דער אָרעמקייט פון די שולן האָב איך געהאַלטן אַז דער לערער וואָס שטייט טאָג־טעגלאַך ביי דער אַרבעט, איז בילכער.

און דאָס אַלץ האָב איך געטאָן דעמאָלט ווען אַ סך פון מיינע איצטיקע פסל'ער האָבן נאָך געקעמפט מיט ציין און נעגל קעגן די שולן.

קיינער קען מיך דעריבער ניט דערקלערן פאַר פסול לעדות וועגן די שולן אָדער צונעמען ביי מיר דעם רשות צו ריידן וועגן זיי.

ג. כאַנין, אין דעם דערמאָנטן אַרטיקל, וויל מיין אַרויסטריט וועגן די שולן נאָך פסל'ען דערמיט וואָס איך טו עס, ווי ער זאָגט, „אונטער דעם מאַנטל פון ראַטעווען די אידישע תורה" און וואָס איך בין אין זיינע אויגן „אַזוי שוואַרץ און רעאַקציאָנער ווי דער קאַ־טוילישער גלח". דער פאַקט אָבער איז, אַז דידאָזיקע אַריענטאַציע מיינע איז גאָרניט קיין נייע. איך האָב די אייגענע געדאַנקען אַגיטירט און פאַרטיידיקט נאָך ביים סאַמע אָנהויב פון דער שולן־באַוועגונג, ווען מען איז געווען אַ סך „רויטער" ווי אירע טרעגער זיינען היינט. דידאָזיקע געדאַנקען זיינען אַנטהאַלטן אין מיין דער־מאָנטן ביכל, „די אידישע רעליגיע אין דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער דערציאונג".

דאָס ביכל איז אַ רעפעראַט וואָס איך האָב געלייענט אויפ'ן ערשטן צוזאַמענפאָר פון די נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלע שולן, אָפגעהאַלטן אין ניו־יאָרק, אַפּריל 21־18, 1914. איך קען לײדער דאָ ניט אי־בערגעבן די גאַנצע 32 זייטן פון יענעם ביכל, אָבער די פאָלגנדיקע פאַר ציטאַטן וועלן געבן אַ באַגריף:

סימפּאַטישע פאַרשטענדעניש (אונטערגעשטראָכן דאָרט) דאַרף זיין דער ריכט־שנור אין דער נאַציאָנאַל־ראַדיקאַלער דערציאונג צום אַלטן, טראַדי־ציאָנעלן אידנטום. אַלץ וואָס איז דאָרט פאַראַן וויכטיקעס און שיינס — געבן אונזער קינד צו פאַרשטיין די וויכטיקייט און עפענען זיין האַרץ צו דער שיינקייט.

מער ווי אַלץ איז דער צאָרן ביי אונז אויסגעגאָסן געוואָרן אויפן לעגענדאַרישן טייל פון תנ"ך. און עס איז פאַרשטענדלאַך פאַרוואָס. אין דעם לעגענדאַרישן טייל פון תנ"ך זיינען פאַרוויקלט מאַנכע פון די סאַמע וויכטיקסטע מאָמענטן פון דער אידישער געשיכטע און עס מישן

זיך אויף אַזאַ אופן פּאַקט און לעגענדע. וואָרום, פרעגט מען, אָנהויבן די אידישע געשיכטע פון „בראשית" — דער אָנהויב פון פאָלק מיטן אָנהויב פון דער וועלט? ווי באַגייט מען זיך מיט די לעגענדן? ווי דערקלערט מען זיי? מיר האָבן אויבן געזען אז אין א פאַר שולן פון „לוימערסטן" ראַדיקאַליזם האָט מען דערפאַר דעם גאַנצן חומש אויס־געמיטן. א פריינט פון סט. לואיס שרייבט מיר, אז ער האָט אָנגעהויבן לערנען די אידישע געשיכטע פון יוסף מיט זיינע ברידער, אפילו ניט פון אברהמ'ן, ניט נאָר ניט פון בראשית ברא. עס טוט ממש ווי דאָס הארץ דאָס צו הערן.

ווי איר זעט איז די דעבאַטע דאָרט פּאַקטיש די אייגענע וואָס היינט, און דאָס איז געווען מיט גאַנצע זיבן־און־צוואַנציק יאָר צוריק! דעמאָלט, ווי היינט, האָט מען אין געוויסע שולן איינגאַנצן ניט אַריינגעלאָזט דעם חומש. און אין אַנדערע שולן האָט מען דעמאָלט, ווי היינט, זיך געשלאָגן איבערן בראשית.

כאָטש מ'קען ניט לייקענען, א שטיקל פּראָגרעס איז פאָרט געמאַכט געוואָרן. „מיין פריינט פון סט. לואיס" האָט דעמאָלט אָנגעהויבן פון יוסף מיט זיינע ברידער, און אונזער יעקב לעווין פון ניו־יאָרק הויבט אָן היינט פון אברהם אָבינו. זיבן־און־צוואַנציק יאָר האָט געדויערט אייַנצופאָרן פון סט. לואיס ביז אברהמ'ן!

לאָמיר האָפן אַז אין די נעקסטע זיבן־און־צוואַנציק יאָר וועט מען שוין אייַנפאָרן פון ניו־יאָרק ביז בראשית...

נאָר לאָמיר זיך אומקערן צו מיין אַרגומענטאַציע פון דעמאָלט:

פאַרוואָס אָנהויבן די אידישע געשיכטע פון בראשית, פרעגט מען. פאַרוואָס ניט? האָלן מיר זיך אפשר שעמען דערמיט וואָס דאָס אידישע פאָלק האָט זיך געקוקט ווי אויף א טייל פון מעשה בראשית? וואָס פאַר אַ שטאָלץ, וואָס פאַר אַ ווירדיקייט, וואָס פאַר אַ הויבער באַוואוסטזיין פון דער אייגענער וויכטיקייט, און וואָס פאַר א זיכערע אָנצוהערעניש אויף זיין אייביקייט עס איז פאַראַן אין דעם צוזאַמענבינדן זיך מיט דער יצירה! וואָרום ווען איר הויבט אָן די אידישע געשיכטע פון בראשית און איר גייט דערנאָך אריבער פון לעגענדע צו לעגענדע, ביז צום אידישן פאָלק, וועבט זיך אויס אין דעם קינדערשן געדאַנק א באַוואוסטזיין אז דאָס אידישע פאָלק איז א טייל פון דער נאַטור, א חלק פון דער אייביקייט, אין דעם גאַנצן באַשאַף אייַנגעוועבט. און וואָס פאַר א גלאָררייכקייט עס איז פאַר אַ פאָלק אַזוי צו דענקען

וועגן זיך! וויפיל פּאַטעטישע שיינקייט עס ליגט אין דעם! — — — —
און דאָך איז עס ביי מאַנכן ראַדיקאַל רעכט דאָס אידישע קינד פון דעם תנ"ך צו באַרויבן. און די מענשן זאָגן אַז זיי האָבן אַ זין פאַר דער באַדייטונג פון פאָלק-שאַפונגען. יע, „פּי-פּי-פּי, דער טאַטע איז ניט הי" איז אַ פאָלק-שאַפונג, און דער תנ"ך איז אַ שאַפונג פון זעלבן פאָלק. איז „פּי-פּי-פּי" וויכטיק, נאָך זיי נאָך, פאַר דער דערציאונג פון דעם אידישן קינד, און דער תנ"ך ניט!

מען קען אָבער ניט זאָגן, קאָנסעקווענט זיינען דידאַקטיקע מענשן. אויב מיר דאַרפן די רעליגיע פאַרטרייבן, זי ניט אָנרירן, חלילה, ווי אַ קרעציקע זאַך, מוז דער תנ"ך פאַרט אָפּגערוקט ווערן. מער ניט זיי גייען ניט אין זייער קאָנסעקווענץ ביז'ן עקסטן סוף. וואָרים אויב אַרויסוואַרפן דעם תנ"ך ווייל אין אים איז אַנטהאַלטן די רעליגיע, דאַרפן זיי אויך אַרויסוואַרפן די אידישע געשיכטע, די אידישע ליטעראַטור, די אידישע שפּראַך — די גאַנצע דערציאונג זייערע, ווארום איבעראַל איז די אידישע רעליגיע אַנטהאַלטן, אַלץ איז אין אידישן לעבן מיט דער אידישער רעליגיע דורכגעוועבט און דורכגעוועבט.

ניט האַסן, ניט איגנאָרירן, נאָר מיט אַכטונג און סימפּאַטיע און ליבע צו פאַרשטיין — אַט דאָס דאַרף זיין אונזער שטעלונג צו דער אידישער רעליגיע.

ס'איז אַלזאָ אין אַלע פּרטים דער אייגענער געדאַנקענגאַנג וואָס איך פאַרטיידיק היינט, און ער איז אין יענעם רעפעראַט אויפגעבויט דוקא אויפן יסוד פון אַטעאיזם.

אויפן סמך פון יענעם רעפעראַט האָט דער צוזאַמענפאָר אָנגענו־מען פאָלגנדיקן פּונקט אין זיין פּרינציפּן־דערקלערונג:

„די נאַציאָנאַל-ראַדיקאַלע דערציאונג דאַרף אַנטוויקלען אין די קינ-דער אַ געזונטן בליק אויף דער אידישער רעליגיע, באַטראַכטנדיק זי פון אַ קולטור-היסטאָרישן שטאַנדפּונקט. די לערער דאַרפן זיך באַמיען אַרויסצוברענגען פאַר די קינדער די נאַציאָנאַל-עטישע און פּאַעטישע זייטן פון דער אידישער רעליגיע".

אויף דער איניציאַטיוו פון'ם צוזאַמענפאָר איז דער רעפעראַט אָפּגעדרוקט געוואָרן אין אַ ביכל פאַר פּראָפּאַגאַנדע־צוועקן.

פונדעסטוועגן האָט מען דעמאָלט אפילו אין דער ערשטער נאַ־ציאָנאַל־ראַדיקאַלער שול ניט געלערנט קיין תנ"ך. האָב איך אָפּ־געקליבן עטלאַכע פון די בעסערע קינדער פון מיין עלטסטן קלאַס און האָב מיט זיי אין אַ פּריוואַטן הויז געלערנט תנ"ך.

ווען דאָס ביכל איז אַרויס האָט עס געקראָגן אַ פינסטערן קבלת־פנים פון דר. חיים זשיטלאָווסקי. ער האָט אָנגעשריבן אַן אַרטיקל וואָס מ׳קען נאָך היינט לייענען אין דעם צענטן באַנד פון זיינע ערשטע „געזאַמלטע שריפטן". דער אַרטיקל הייסט: „נאַציאָנאַל־ראַדיקאַל אָדער קלעריקאַל?"

דער „קלעריקאַל" — דאָס בין איך. ווי איר זעט האָט זיך גאָר־ניט געביטן: דעמאָלט „קלעריקאַל", היינט „קאַטוילישער גלח". ס׳איז די אייגענע זאַך. און אַלץ צוליב׳ן תנ"ך.

מיט אַ ווילדער רציחה איז דר. זשיטלאָווסקי באַפאַלן מיין ביכל און מיט גרויס פּאַטאָס דערקלערט ער אין׳ם אַרטיקל, אַז נאָך איידער ער האָט עס דערלייענט ביז׳ן סוף האָט ער דאָס ביכל אַ שמיץ געטאָן אונטערן טיש...

ווידעראַמאָל פּונקט ווי היינט, ווען כאָטשיק האָט תרעומות למאי דער „קעמפער" האָט ניט אַרויסגעשמיצט מיינע אַרטיקלען.

אויף זשיטלאָווסקי׳ס אַטאַקע האָט זיך קיינער ניט אָנגערופן, קיינער ניט פון די פיל לערער און שרייבער וואָס האָבן מיין רעפעראַט באַגייסטערט אַפּלאָדירט ביים צוזאַמענפאָר. קיינער האָט ניט געוואָגט אויפצוהויבן דאָס קול.

אויך אַזוי ווי היינט.

ארום די שטאַרקע הערשט געווייגלאך אַ שטילשווייגן...

פאַר מיר אַליין האָט יענע אַטאַקע געהאַט אַ גאַנץ אייגנאַרטיקע באַדייטונג. אַנשטאָט וואָס איך זאָל זיך דערשרעקן פאַר דער קעניגליך־באַפעלערישער שטימע, האָט גאָר זיין געשריי צעריסן דעם צויבער־שלייער פון מיינע אויגן און איך האָב דערזען אז דער קעניג איז נאַקעט. ווארום אויך איך, אַזוי ווי דער גאַנצער דעמאָלט־דיקער יונגער דור, בין געשטאַנען אונטערן צויבער פון זשיטלאָווסקי׳ס ווירקונג. איך פלעג אויך לויפן צו זיינע לעקציעס און פאַר־שיכור׳ט ווערן פון זיינע, אַזוי ווי מוזיק ראַלנדיקע רעדעס. צוליב דער וואונדערלאַכער רעדנעריי האָבן מיר ניט געזען ווי דער מענש

פירט צונויף אַ וואַנט מיט אַ וואַנט און שלעפּט קראַליקעס און קאַטשקעס פון זיין היטל.

אָבער דאָ, אין אַ דיסקוסיע וואָס איז מיר געווען אַזוי נאָענט און טייער, האָב איך דערזען דעם ווירוואַר פון זיינע אידייען און די אומלאָגישקייט פון זיין לאָגיק. און אויך די געפערלאכקייט פון געוויסע אידייען זיינע. און מיט יאָרן שפּעטער האָב איך עס באַוויזן אין מיין ערשטער אַרבעט וועגן זשיטלאָווסקי׳ן, אין אַ ברייטער אָפּהאַנדלונג: „דר. זשיטלאָווסקי אַלס טעאָרעטיקער פון נאַציאָנאַליזם" (זע מיין בוך: „דיכטער און וועלטן").

און דערפאַר האָט ער מיך אויך אָפּגעזידלט ווי גרויס איך בין.

אָבער מיינע חברים זיינען נאָך לאַנג געבליבן אונטערן צויבער פון זיין קול און זיינע אידייען בנוגע אידישער דערציאונג האָבן אַלץ מער און מער באַהערשט די אידישיסטישע שולן, כאָטש דירעקט האָט ער קיינמאָל גאָרניט געטאָן פאַר זיי. די נייע טיפּן שול וואָס זיינען אויפגעקומען שפּעטער, האָבן זיך אַלץ מער און מער דערווייטערט פון די אַלטע טראַדיציאָנעלע קוואַלן. די ערשטע שולן זיינען געבליבן שטאַרקער געשיצט קעגן אים דורך זייער פאַרוואָרצלטקייט אין דעם פּועלי־ציוניזם און ארץ־ישראל געדאַנק.

אַזוי ווי די לאָרעליי מיט איר זינגען האָט ניט איין „פישער אונד קאַן" פאַרנאַרט אין נאַסן קבר, אַזוי האָט דר. זשיטלאָווסקי מיט זיין זינגען פאַרשלעפּט אַ גאַנצן אידישן דור אין תהום אַריין. מ׳קען אָנשרייבן די געשיכטע פון יענעם דור ווי „די געשיכטע פון אַ קול", זשיטלאָווסקי׳ס קול.

און מען האָט דעמאָלט גאָרניט באַגריפן וויפיל ערוה ס׳איז געווען אין יענעם קול...

דר. זשיטלאָווסקי האָט געקראָגן דעם טיטל: „דער פאָטער פון די אידישע שולן". איך האָב עס אָנגערופן: דער אומגעזעצלאכער פאָטער...

די ערשטע יאָרן האָט זיך די שעדלאכקייט פון דערדאָזיקער איינשטעלונג ניט אַזוי שטאַרק געפילט אין די שולן, ווייל די

קינדער זיינען נאָך געקומען פון אימיגראַנטן־הייזער, הייזער אָפּגע־טונקט אין עכטער אידישקייט, און די קינדער פלעגן ברענגען זייער אידישקייט פון דערהיים אין שול אריין. שפּעטער אָבער האָט זיך עס אָנגעהויבן לאַנגזאַם אויסוועפּן. דערצו איז שפּעטער צוגעקומען צו די שולן אַ נייער טיפּ לערער. פריער איז עס געווען דער פּועל־ציוניסטיש אָריענטירטער לערער, דערנאָך אַלץ מער און מער דער בונדיסטיש אָריענטירטער.

פאַר מיר איז דער לעצטער איבערברוך געקומען מיט אַ קלאַס אין אידישן לערער־סעמינאַר. מיר האָבן ענדלאַך דערלעבט אַז עס האָבן זיך פאַרשריבן אין סעמינאַר אַ גרופּע תלמידים וואָס האָבן דורכגעמאַכט די אידישע עלעמענטאַר־שול און די מיטלשול. ס׳איז ביי אונז געווען אַ גרויסע שמחה: אונזער אַרבעט האָט אַ פּעולה! די קינדער גייען ניט אַוועק, פאַרקערט, זיי קומען צו אונז נאָך העכערער אידישער בילדונג!

עס זיינען געווען צוויי בחורים׳לאַך און פינף מיידלאַך. איך געדענק שוין איצט ניט פון וועלכן טיפּ שול און מיטלשול זיי זיינען געווען.

איך האָב געקראָגן דעם קלאַס פאַר אידישער ליטעראַטור. און דאָ האָט זיך אָנגעהויבן פאַר מיר — אַ טראַגעדיע. קודם האָב איך דערפילט אין די סטודענטן אַ געוויסן סנאָביזם בנוגע דעם לימוד: זיי זיינען אַלע שוין געווען אַריין אין קאַלעדזש אויך, און ווי ס׳איז די טבע פון אָנפאַנגער האָבן זיי געמיינט אַז זיי ווייסן שוין אַלץ און אַז דאָס וואָס זיי ווייסן פון „דאָרט״ איז עפּעס מער ווי דאָס וואָס זיי הערן „דאָ״. דאָרט זיינען די „העכערע פענסטער״. אגב, אַזאַ סנאָביזם האָב איך אָפּט געפילט אויך אין דער מיטלשול.

נאָר דאָס איז ניט געווען דאָס ערגסטע. פאַר אַ העכערער פאַרשטענדעניש פון אידישער ליטעראַטור האָב איך מיינע סטודענטן געגעבן אַן איבערבליק איבער די גייסטיקע יסודות פון אידישן לעבן, די יסודות אויף וועלכע די ליטעראַטור איז אויפגעבויט, און ווי אַזוי זיי זיינען אָפּגעשפּיגלט אין אונזערע קלאַסישע שרייבער.

איך בין געווען דערשטוינט פון זייער אָפּרוף. פאַר מיר זיינען געזעסן גייסטיק פרעמדע מענשן. מיר האָבן זיך פשוט ניט געקענט פאַרשטיין. קיין זאַך האָט זיי ניט געקענט „נעמען".

און איך געדענק גאַנץ באַזונדערס איין זאַך, אין דעם געביט פון חסידות, וואָס איך האָב באַהאַנדלט מיט מיינע תלמידים. איך האָב צוגעפירט צום ענין „דין תורה מיט גאָט". איך האָב צוזאַמענגעבראַכט זאַכן פון חסידישן פאָלקלאָר מיט זאַכן אין דער אידישער ליטעראַטור — איינער פון די שענסטע מאָטיוון אין אונזער ליטעראַטור.

און ווי אַזוי האָט מיין קלאַס רעאַגירט?

איין אָוונט, נאָך אַלע דערקלערונגען און עקספּאָזיציעס און געלייענטע מוסטערן, רופט זיך אָן איין מיידל:

„און צו מיר קלינגט דאָס אַלץ זייער קינדיש"...

און איך האָב דערזען דעם גאַנצן תהום וואָס צווישן אונז און זיי. עס איז געווען אין זיי יענע טעמפּקייט פאַר אידישן זין און אידישן טעם, פאַר וועלכער אידן האָבן אַן איינציק־אַרטיק וואָרט, נאָר איך וויל דאָס וואָרט ניט ארויסריידן.

זיינען די קינדער שולדיק געווען? איך האָב די שולד ניט געזען אין די קינדער. סוף־כל־סוף האָבן זיי געוואָלט לערנען אידישקייט. זיי האָבן דאָך אָפּגעגעבן יאָרן פאַר דער עלעמענטאַר־שול און נאָך יאָרן פאַר דער מיטלשול און איצט פאַרן סעמינאַר. און מיר וויסן דאָך מיט וויפיל קרבנות דאָס איז פאַרבונדן פארן אידישן קינד. און אויך פאַר די עלטערן.

זיינען די לערער שולדיק געווען? עס וואָלט געווען א זינד דאָס צו זאָגן. איך קען די לערער, א סך פון זיי זיינען געווען מיינע תלמידים אין אידישן לערער־סעמינאַר וואו איך האָב זיי אין משך פון יאָרן באַאָבאַכט ווי ביטער זיי האָבן געהאָרעוועט זיך צוצוגרייטן פאַר זייער באַרוף. געאַרבעט בייטאָג, געלערנט אין די

נעכט. איך האָב אין ערגעץ ניט באַגעגנט קיין מער אידעאַליסטישע, מער געטרייע, קיין מער מסירת־נפש׳דיקע, אויף קרבנות מער גרייטע, און קרבנות־ברענגענדיקע גרופּע מענשן ווי זיי. אָן זייערע קרבנות וואָלטן די שולן בכלל ניט געקענט עקזיסטירן. אין דעם פּרט טראָגן זיי ווייטער די טראַדיציע פון דעם מלמד.

אויך די פירער און טוער זיינען ניט שולדיק. זייער כוונה איז אודאי געווען אַ גוטע — ווי זיי האָבן עס פאַרשטאַנען. דער עבודה־זרה קען מען אויך דינען געטריי...

פונדעסטוועגן זיינען די רעזולטאַטן געווען אַן אַנטוישונג, אַ ביטערע אַנטוישונג.

אַלע זיינען געקומען מיט פולע הערצער און אַוועק מיט ליידיקע עמער.

וואו זשע איז פּאַרט די שולד?

איך האָב געזען און זע די שולד נאָר אין דער שול גופא, אין איר איינשטעלונג און אידעאָלאָגיע, אין איר נעגאַטיווער באַציאונג צו די אַלטע אידישע ווערטן. אַט אַזוי ווי איך האָב עס אויסגעדריקט אין יענעם רעפעראַט און אין די איצטיקע אַרטיקלען.

און מיט יענעם זאָג יענעם אָוונט אין יענעם קלאַס האָט זיך מיין לעבן איבערגעשניטן אין צוויייען. אַ האַלב לעבן אַוועקגעגעבן אויף אַ טעות! איך האָב דערנאָך קוים דערצויגן ביז׳ן סוף פון סעמעסטער און האָב געענדיקט מיין לערערישע קאַריערע אין דער אידישער שולן־באַוועגונג.

און אויב איך בין אַרויסגעטראָטן מיט מיין איצטיקן שרייבן איז עס נאָר כדי איבערצו׳חזר׳ן מיין אַלטע וואָרנונג: די אידישע שול וועט ניט דערגרייכן אירע צילן און וועט בלייבן אין אַ כראָנישן קריזיס סיידן זי וועט ענדערן איר אַלטע אָריענטאַציע.

אַנדערש מוז זי איינגאַנצן אונטערגיין.

מיט׳ן פּנים צו אידישקייט — דאָס איז די רפואה פאַר די קראַנקע שולן. מיט׳ן פּנים און מיט׳ן האַרצן. מיט׳ן גאַנצן האַרצן.

און דער געשריי „קאַטוילישער גלח" און „געפּעלשטע ציי־טאַטן" וועלן ניט היילן די וואונד. אזוי ווי דער אַמאַליקער געשריי „קלעריקאַל" האַט גאַרניט געהיילט און גאַרניט געראַטעוועט.

ווי געזאָגט, יאָרן לאַנג האָב איך גערופן אידישע עלטערן צו שיקן זייערע קינדער אין די אידישע שולן. און ס'איז שוין צייט געווען, און אַ חוב געווען, זיי אָפּצוגעבן אַמאָל אַ באַריכט פון דעם וואָס איז אויפגעטאָן געוואָרן.

און דאָס איצטיקע ביכל איז אַזאַ באַריכט.

און דאָס איז די מעשה מיט'ן „שוואַרצן גלח"...